# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 9 - January 1957 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1h24w9vx

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 9(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1957

### Copyright Information
Copyright 1957 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָריקע שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

## נייינטער 9 נומער

רעדאַקטאָר: י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון
לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב
און
שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

שבט, תשי"ז — יאַנואַר, 1957
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט:


היים גראדע — „דער אויסגעברענטער דאָרן" (ליד) ................ 3
נ. ב. מינקאָוו — .קאַיאַר" (ליד) ................ 4
וו. נאַטאַנסאָן — „אומעט און בענקשאַפט אין א. לוצקיס לידער" ................ 5
דניאל טשארני — „של"ה־לידער" ................ 10
י. פרידלאנד — „צווישן ניט אייגענע" (דערציילונג) ................ 11
אסתר שומיאטשער־הירשביין — „קאַליפאָרניע" (ליד) ................ 19
נח גאָלדבערג — „הונגער" (דערציילונג) ................ 20
מאַטעס דייטש — „פאַפיר — צו גאָט פון אַלע געטער" (ליד) ................ 27
ד"ר ח. מ. ראָטבלאט — „פון חשבון צו חשבון" (פראַגמענטן) ................ 29
ברכה קודלי — „פיר — ביי אַ גלעזל וויין" (ליד) ................ 33
פינטשע בערמאַן — „הער איך וואו פאַרשטיקט געזאַנגען" (ליד) ................ 34
נח שטיינבערג — „לירישע פראָזע" ................ 34
ז. בונין — „די באַלאַדע פון טשינג־טסא־ליג" (ליד) ................ 36
יעקב זינגער — „זייער צווייטע יוגנט" (איינאַקטער) ................ 38
יצחק ניומאַן — „די אפאקריפן" (היסטאָרישע עסיי) ................ 46
א. באביטש — „ד"ר נתן זאלצמאן ע"ה" (נעקראלאג) ................ 49
ליטעראַטור און קולטור כראָניק ................ 51


---


"CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

רעדאַקציע־ראַט: וויליאם נאַטאַנסאָן, מלכה טוזמאַן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

55



חיים גראַדע


# דער אויסגעברענטער דאָרן

איך בין דער דיכטער וואָס לעב מיט זכרון
און פיל אויף מיין צונג ווי עס וויאַנעט מיין לשון.
הלוואי קאָן איך זאָגן, אַז איך בין דער דאָרן,
וואָס ברענט אין דעם מדבר און ווערט ניט פאַרלאָשן.

ווי לאַנג אין מיין לייב האָט געגליט נאָך דער פיבער
פון זיין נע־ונד אין פאַרטריבענע יאָרן;
ווי לאַנג איך האָב איינגעזאַפּט שטויב פון די גריבער —
האָב איך נאָך געברענט ווי אין מדבר דער דאָרן.

נאָר זינט איך האָב טיף אין מיין האַרצן פאַראַקערט
די חורבה און אַלץ וואָס געטליעט האָט דאָרטן,
האָט אויך מיין געזאַנג אויסגעברענט ווי דער פלאַקער
אין געטאָ, וואו ס'בליט איצט אַ גויאישער גאָרטן.

דער גויאישער גאָרטן מיט פרוכט איז באַלאָדן,
און איך פיל שוין טריקעניש אין מיינע צווייגן.
און וויל איך פאַרוואָרצלען מיין שטאָם אין אַ באָדן,
דערזע איך באַצייטנס דעם העקער פאַרבייגיין . . .

אָ, זינט עס איז אומטריי מיין היים מיר געוואָרן,
געבליבן איז מיר בלויז איין הוימלאַנד אַ טרייע.
איך וויים: איך וואָלט דאָרטן געברענט ווי דער דאָרן,
נאָר איך וואָלט געברענט מיט דעם שם פון הויה.

האָב איך ניט געוואָלט צווישן לייבלעכע ברידער
אַרומגיין און זינגען אַ טרויעריק־פרעמדער,
עס זאָלן דאָרט שטיף־קינדער זיין מיינע לידער,
יתומים וואָס טראָגן געשאָנקענע העמדער.

האָב איך אויפן אַנדער זייט ים אויסגעוואָגלט,
אין לאַנד וואָס האָט זאַפטן פאַר אַלע סאָרט ביימער.
נאָר איך קען בלויז טרינקען פון אייגענעם לאָגל
און ניט קיין פרעמד וואַסער . . . האָב איך ניט קיין היים מער.

מיין גוף בענקט נאָך רו, און מיין האַרץ — נאָך די יאָרן
ווען ס'האָט מיר דער ווינט פון די וועגן געדראָשן;
מיין ליד האָט געברענט ווי אין מדבר דער דאָרן,
און האָט מיט זיין פייער באַפרוכפּערט מיין לשון.

# ק אַ י אָ ר

אין ווייטע תהומען פון דער טיפער נאַכט —
עפענען זיך — לאַנגזאַם — מחנות פייערדיקע טויערן.
ס'טרעט אָפּ פון זיי אַ גוואַלדיק גליִעניש,
און ברענט פאַנאַנדער אַלע צאַמען ביי דעם ווייטן הימל-ברעג.

אַרום דעם מולד לעשט זיך יעדער שטראַלנדיקער עיגול.
דער מולד ווערט אַלץ בלאַסער, — לופטיק, דורכזיכטיק.
דער שוואַרצער הימל בלויט און בלייכט.
און לאַנגזאַם שלאָפן איין — און ס'ווערן ניט די מידע שטערן.

ס'גייט-אויף אַ שווערער נעפּל, שטייגט אַפיר פון מוטער-ערד.
דער טייך ווערט ווייס, דער וואַלד ווערט בלוי.
און ס'שטייט אַנטפּלעקט דאָס גאַנצע וויסטעניש ביים באַרג ביים הייליקן,
דאָס וויסטעניש — מיט ביימער איינגעפאַלענע, צעקרימטע צווייגן,
איינגעדאַרטע ריטער.

עס שטראַלן ביישטידלען אין אונדזער עלנט, שטיל געצעלט,
באַהעלן דיך אין איינגאַנג אָפּענעם,
און דו — אין גרויסן אומגליק — קוקסט-זיך-צו ווי ס'גייט אַרום אַ גרייז
און נעמט צונויף די דערנער, צווייגן, נעמט צונויף דאָס גאַנצע בראָך.

אַ הויפן הייליקער — וואו איז דער זין אין דעם ? —
ער וואַקסט און וואַקסט.
און דו — דו שלאָפסט גאָר שטייענדיק אין איינגאַנג ?
צי ביסטו גאָר פאַרגליווערט ? ביסט פאַרשטאַרט ?
אָ, זאָג ניט, ס'איז אַ חלום אַלץ. אָ זאָג, איז דאָס די וואָר אין די חלומות ?
צי איז אַזוי אַ יעדערער קאַיאָר אין תהומען פון דער נאַכט ?

און דאָ ביים פּלויט צעבראָכענעם —
אָ, וויפל שפּינוועבס, וויפל לעבעדיקע שפּינען,
און בלויז אַ בלאַסע רויז, אַן איינציקע, אַ קראַנקע,
שטאַרבט און טרוימט און שטראַלט.





## אומעט און בענקשאַפט אין א. לוצקיס לידער *)

אין די מאָמענטן ווען דער דערפיל פון אינטימקייט מיטן גרויסן „אַרום" און הויכן „איבער" שטאַרקט זיך אינם מענטשן איבערן דערפיל פון פרעמדקייט, ווערט זיין נשמה אָנגעפילט מיט פרייד און זעליקייט. פאַרקערט — ווען דער ניואַנס פון פרעמדקייט איז גובר דעם ניואַנס פון נאָענטקייט און אָנגעהעריקייט, ווערט זיין נשמה באַהערשט פון אומעט און צער. פון אַזאַ אומעט און צער ווייסן ביי לוצקין ניט נאָר מענטשן, פייגל און אַנדערע חיות, נאָר אויך, זאַכן אַלערליי אויף גאָטס זינדיקער ערד.

„מיינסט נאָר דו אַליין ווערסט אומעטיק פאַרנאַכט ?" — פרעגט לוצקי און ער ענטפערט : „אַלע זאַכן אויף דער אומעטיקער ערד ווערן אומעטיק פאַרנאַכט". ער זעט און פילט אומעט אין די אויפגעגלאָצטע הייזער, אין די דערשראָקענע שילדן, אינם בלאַסן שפּינדעלע פאַר אונדזערע פיס, און אפילו „אינם רוישן פון ווייטע וועגענער ביי די ווענט פון דער וועלט".

דער פאַרנאַכט סימבאָליזירט פאַר לוצקין דעם אומעט. דורכן פאַרנאַכט דרינגט אַריין אין אונדז די אַליינקייט און דער אומעט. זיי ברענגען עס אונדז אַריין אין אַ צושטאַנד פון פרום זיין. דאָס איז אָפּט, „אַ פרומקייט אַ שטומע", אַ צושטאַנד פון „בוקן, קניען, גלאָמפּן, שטאַרן און גאַרן" און דורך יעדן ריר אַזאַ, דורך יעדער מינע קומט צום אויסדרוק דער שטומער צער.

די שטומקייט פון דאָזיקן צער און דער צער פון דער שטומקייט אין אַלע זאַכן פון דער וועלט, און אין דער וועלט אַליין אַלס גאַנצע, ווייט אַרויס פון ליד : „אין אַלע זאַכן זיינען דאָ פאַרנאַכטן".

„אין אַלע זאַכן זיינען דאָ פאַרנאַכטן
אמהדיקע אומעטן.
אַליין.
פרעמד.
פרום.
שטום פרום
דום פרום.

בויג — בוקט
קרום — קניט
גלייך — גלאָמפּט
שטאַר.
נאַר.
שטומער צער.

אינם ליד „ביינאַכט אין פעלד" קומט נאָך שטאַרקער צום אויסדרוק די עלנט און דער אומעט, די באַזונדערקייט און איינזאַמקייט, וואָס דער מענטש דערזעט אין אַלץ וואָס איז, סיי אויף דער ערד, סיי אין הימל :

*) אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

„לבנה — באַזונדער
שטערן — באַזונדער.
אַלע — אַליין.
ליכטיקע עלנטן
לויטערע אומעטן
וויפל איינזאַמקייטן דאָרט!
וויפל איינזאַמקייטן דאָ!"

די לעצטע זעקס שורהלעך פון דאָזיקן ליד לייענען זיך:

„שטייט אַ וואַלד.
האַק אַראָפּ אַ בוים —
שטייט אַ וואַלד.
לויפט אַ טייך.
כאַפּ אַרויס אַ שטראָם —
לויפט אַ טייך".

אין די דאָזיקע שורות קומט אויף אַן אָריגינעלן אופן צום אויסדרוק דער געפיל פון עלנט און נישטיקייט וואָס באַפאַלט דעם איינצלנעם, ווען ער דערפילט זיך ווי אַ גאָרניט אינעם גרויסן גאַנצן. דאָס פאַסירט דערהויפּט אין יענע מאָמענטן, ווען אים דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט מחוץ פון אים גייט זיך איר שטענדיקן גאַנג אַזוי, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען באַווירקט פון דעם יאָ אָדער ניט זיין פון איינצלנעם אין אים אָדער מיט אים, פון דעם יאָ אָדער ניט האָבן אין זיך אָדער מיט זיך אַזאַ אָדער אַן אַנדער איינצלדיקן איינעם. ער דערפילט זיך דעמאָלט ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים אין וואַלד, אָדער ווי אַן אַרויסגעכאַפּטער שטראָם פון אַ לויפנדיקן טייך. וואַלד און טייך סימבאָליזירן דאָ וועלט און קאָסמאָס.

לוצקי הערט אַרויס קלאָר און דייטלעך דעם אומעט וואָס באַהערשט יעדע זאַך אין דער וועלט, ווען זי דערפילט זיך אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע באַשעפענישן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע וועזנס ווערן באַוועלטיקט פון אומעט און אָפּגעריסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט. ניט נאָר אָבער דער אומעט, נאָר אויך די פרייד פון זאַכן דערפילט דער דיכטער. אַ פרייד בעמט אַרום די זאַכן ווען זיי דערפילן זייער נאָענטקייט און זייער באַהעפטונג מיט דער וועלט. און דורך וועמען נאָך קאָנען זיי אַזוי העפטיק און שטאַרק זיך איינקלעפּן און אָרגאַניש זיך פאַרבינדן מיט דער וועלט ווי אַ גאַנצע —ווי דורכן מענטשן?

ווער נאָך אין דער דאָזיקער וועלט פילט אין געוויסע מאָמענטן זיין אייגענעם איך, זיין טיפן זעלבסט, אַזוי שטאַרק ווי דער מענטש? ווער נאָך איז אַזוי ווי ער באַוואוסט פון צייט צו צייט אויף זיין אייגענעם איך, זיין אייגענעם זעלבסט און זיין אייגענעם ווילן? ווער נאָך ווי ער אין זיין זעלבסט־באַוואוסטקייט דערפילט די וועלט אַן איינגעשלאָסענע אין אים און זיך אַן איינגעשלאָסענעם אין אַן איידער־וועלט, און איבערוועלט? איז צו וועמען נאָך קאָנען זאַכן, אויף וויפל זיי ווילן און פילן בכלל, דערפילן אַ נאָענטקייט אויב ניט צום מענטשן, און דורך אים צו אַלץ וואָס שליסט איין אי זיי, אי דעם מענטשן? פאַר זיי מוז זיין אַ גרויסע פרייד צו געוואויר ווערן און צו דערוויסן דעם מענטשן. זייער



פרייד פון התקרבות צו אים איז אפשר אַזוי גרויס ווי גרויס עס איז דעם מענטשנס פרייד צו דערפילן אַן אייגענע שייכות צווישן דער אונטער און דער איבער־וועלט, און זיך אַליין ווי אַ פונקעלע פון דעם פייער פון דעם, וואָס געוועלטיקט אין און איבער דער וועלט.

די פרייד פון זאַכן באַוואוסט צו ווערן אויף דעם מענטשנס אָנוועזנהייט, זייער גאַרעניש פון דעם מענטשן דערפילט צו ווערן, דערטראָגט זיך צו אונדז פון לוצקיס ליד „אַלע ווילן וואַרימקייט".

ער פילט די פרייד אין גאָלדנזייגערל, אין הילצערן קעסטעלע און שויבן שטיינדעלע. ער זעט געבעט אין זיי. זיי בעטן זיך ביי אים:

„גלעט מיך.
האַלט מיך
מענטש".

און ווי מיט די איצט פאַראַנענדיקע זאַכן, אַזוי אויך מיט די געוועזענע:

„אַז איך פאַרמאַך די אויגן,
פאַל איך אַריין אין אַ רוישיקן לופט־ים פון פאַרבן.
איך זע פאָרמען פון געוועזענע זאַכן
יאָגן זיך צו מיר פון אַלע וועלט־וויטען:
ער איז דאָ! ער איז דאָ!"

„און פלאַטערן צו די אַלטאַרן אויף מיינע צוגעמאַכטע אויגן . . .
פלאַטערן אַרום די טעמפלען אין מיינע אויערן . . .
און שארן אין מיר אַריין זייערע תפילות:
האַר פון דער וועלט! האַר פון דער וועלט!"

די איצטיקע ווי די געוועזענע, די טויטע ווי די לעבעדיקע געשטאַלטן טיילן מיט לוצקין זייער פרייד און זייער טרויער, זייער בענקשאַפט און זייער שרעק, זייערע ציטערס און זייערע פלאַטערס. די וויינטן פלאַטערן פאַר לוצקין מיט דער בענקשאַפט פון די וויסטן, די גראָזן ציטערן פאַר זיינע פיס מיטן פחד פון די וועלדער, די זון באַזינגט אים מיט אירע הויכן, דער קוואַל קוועלט אים מיט זיינע טיפן און:

„אַ פליג ראשט פאַרביי:
זשזשזש!
און זשומט אין מיר אַריין די וועלט —
פון איידער די וועלט . . ."

אַ ווייס שטיק פאַפּיר, וואָס אים האָבן אַ געוויסן פאַרנאַכט אָנגעכאַפּט די פינגער פון אַ פאַרבענקט מיידל, טיילט מיט דעם דיכטער די בענקשאַפט, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט אים אָנגעשטעקט. די דאָזיקע בענקשאַפט האָט עס פאַרוואַנדלט אַ פשוט שטיק פאַפּיר אין אַ פאַפּירענעם אָדלער, וואָס ווי אַ הויך־אַנטוויקלטער וועזן מיט וועזנס גלייך, מוז ער, „פון גרויסן בענקשאַפט־פיבער קילן זיין בליק אויף דער אומעטיקער ערד".

ווי דאָס מיידל האָט די בענקשאַפט איבערגעגעבן דעם פאַפּיר, וואָס אירע בענקענדיקע אברים האָבן אָנגעדירט, אַזוי אויך האָט שוין אויך דער פון בענק־

שאַפט באַצוואונגענער פּאַפּיר־אָדלער איבערגעגעבן זיין בענקשאַפט צום בוים, פאַר דער קני פון וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעלייגט. עס נעמט ניט לאַנג און מיר האָבן שוין ניט נאָר אַ בענקענדיק מיידל, נאָר אויך אַ בענקענדיקן בוים און אַ בענקענדיקן פּאַפּירענעם אָדלער:

„קוקט דאָס מיידל פון פענצטער
און בענקט.
שטייט דער בוים מיט אויסגעצויגענע הענט צום הימל,
און בענקט.
און דער פּאַפּירענער אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל,
קילט זיין בליק אויף דער אומעטיקער ערד.
ער בענקט שוין אויך . . .”

אין דעם „ער בענקט שוין אויך” מיט פּינטעלעך ליגט אַן אָנצוהערעניש אויף דער בענקעניש ניט נאָר פון מיידל, בוים און פּאַפּיר, נאָר פון אַלץ און אַלעמען. דאָס איז די בענקעניש פון אַלץ וואָס איז איינגעשניטן אין שטח און צייט, און ווער ווייס אפשר פון שטח און צייט גופא. דער דמיון שטעלט זיך דאָ ניט אָפּ. עס לאָזט זיך אפילו טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט, אַז איין אויסשפרייט פון צייט זאָל געצויגן ווערן צום אַנדערן אויס בענקעניש. און אפשר איז גאָר דער גייסטער באַגריף וועגן צייט ווי אַ פערטער דימענסיע פון רוים — אַן אויסדרוק פון דער בענקעניש אין דער שטיל צווישן צייט און רוים?

אין אַ נעץ פון בענקעניש איז געפאַנגען דער אוניווערסאַלער זיין און דעריבער אָטעמט פון אַלץ אַזאַ אָדער אַן אַנדער בענקעניש.

וואָס אַנטוויקלטער און פאַרוויקלטער די זאַך אָדער די באַשעפעניש וואָס בענקט, אַלץ טיפער און פאַרפלאָנטערטער איז נאַטירלעך די בענקעניש, און אַלץ מער זאַכן און באַשעפענישן אינם אַרום און איבערן אַרום ווערן אָנגעצונדן און אָפּט פאַרברענט פון איר. זיי קאָנען אָבער אויך פון זעלביקער בענקעניש אויסגעלייטערט און אויפגעלויכטן ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אָדלער און מלאכים. די באַאיינדרוקס־מעגלעכקייטן און אויפטואונגען פון דער בענקשאַפט פאַר דעם וואָס בענקט, ווי פאַר די אַלע מיט וועמען ער קומט אין באַריר — ווענדט זיך אין די איכות פון די נשמות פון דעם וואָס רעגט אָן די בענקשאַפט און פון דעם וואָס ווערט פון איר אָנגערעגט. אין איר עצם תוך איז די בענקשאַפט אפשר די סיבה און אָנטרייב־קראַפט פון וועלט אַנטשטיין־און־ווערן און דערפאַר באַגלייט זי מיט אַזאַ אָדער אַנדער אינטענסיוויטעט און טיפקייט, פון וויגעלע ביז צום קבר — יעדן איינצלנעם און יעדע איינצלדיקייט וואָס אַנטשטייט, ווערט און פאַרגייט.

טיפע און ווערטפולע בענקשאַפט אין לוצקיס דיכטונג ווערט געשאַרפט און פאַרשאַרפט אָן די פעלזיקע שפּיצן פון דויער און פערזענלעכקייט. זי ציט אַריין אַלע די, וואָס טראָגן אין זייערע טיפענישן אַזאַ בענקשאַפט, אין די ראַנדן און פאַלדן פון וועלט־רעטעניש. אַזאַ אַריינצי פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט זייער באַוואונדערונג און אַמאָל אויך זייער ליבע פאַר דער וועלט מיסטעריע. די ליבע און באַוואונדערונג פון וועלט און „איידער־וועלט”, ווי אַלע ליבעס און באַוואונדערונגען, רופט אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס אין דעם גאַנצן „אַרום” און „איבער”, און אַ פאַרלאַנג אַריינצודרינגען אין אים און דורכגענומען ווערן פון אים.



אַזאַ אינטערעס און פאַרלאַנג פירט צו אַ טיפערער דערקענטעניש. די דערקענטעניש אין דעם פאַל איז ניט קיין ריין־לאָגישע. זי דערהויבט זיך צו אַן אינטואיטיווער דערקענטעניש פון וועלט, מענטש און קאָסמאָס. אַזאַ דערקענטעניש דערהויבט און דערנאָענט בענקענדיקע נשמות צום מקור פון דער וועלט פון אַלע וועלטן, צום קוואַל פון דער מיסטעריע פון אַלע מיסטעריעס. זי שטויסט דעם מענטשן צו טראַכטונגען און געפילן פון דער אַלהעכסטער קראַפט. וואָס מער מען דערפילט אין געוויסע מאָמענטן די דאָזיקע קראַפט, און וואָס אָפטער אַזעלכע מאָמענטן, מער ווערט מען פון איר געקרעפטיקט, ביז עס קומט אויך אַ געוויסער מאָמענט ווען די גרעסטע אָנמאַכטיקייט מאַכט ניט אוממעגלעך זיך פילן נאָענט צו איר.

מיסטעריעזקייט פירט צו רעליגיעזיטעט. עס איז ניט פאַראַן קיין עכטע רעליגיעזיטעט אָן מיסטעריאָזיטעט. טיפער גלויבן אין דער פאַראַנענקייט פון אַן אַלהעכסטער גייסטיקער קראַפט וואָס שיקזאַלישט דאָס קאָסמיש זיין, איינשליסנדיק דאָס מענטשלעכע לעבן, איז רעליגיעזיטעט. מיסטעריאָזיטעט ווידער שליסט איין אין זיך דאָס פילן און גלויבן, אַז אין קאָסמישן זיין ווי אין דעם מענטשלעכן לעבן קאָנען אַלע מאָל מעגלעך ווערן פאַרקומענישן און געשעענישן וואָס איבערשטייגן אַלע באַנעמען פון מענטשלעכן שכל און פאַרנונפט. אייביק זיינען מענטשלעכע פרעגענישן און גלויבונגען, מענטשלעכע באַוואונדערונגען און בענקענישן, ליבעס און גאַרענישן צו אַריינוועב און באַהעפטונג מיטן אַלעראָלעצטן קוואַל פון געטלעכקייט און אייביקייט.

דאָס אַלץ טראָגט אין זיך אַ טייל פון דער דערקלערונג פאַרוואָס עכטע רעליגיעזע נאַטורן פאַרמאָגן טיף בענקענדיקע און שטאַרק ליבנדיקע נשמות, און פאַרקערט — בענקענדיקע און ליבנדיקע נשמות פאַרמאָגן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן טיפע און עכטע רעליגיעזיטעט. יעדע עכטע בענקשאַפט און ליבע טראָגן אין זיך אַ רעליגיעזיטעט, און יעדע עכטע רעליגיעזיטעט אָטעמט מיט בענקשאַפט און ליבע.

עס איז די בענקשאַפט וואָס מאַכט די פאָרמען פון געוועזענע זאַכן זיך צו יאָגן פון אַלע ווייטן צום פּאָעט און שרייען:

„ער איז דאָ! ער איז דאָ!
אַ דאַנק דער בענקשאַפט,
פאַלן זיי צו די אַלאירן אויף מיינע צוגעמאַכטע אויגן
פלאַטערן אַרום די טעמפלען און מיינע אויערן . . .
און שטאַרן אין מיר אריין זיינע תפילות.
האַר פון דער וועלט! האַר פון דער וועלט!”

וואָס דער מענטש איז פאַר די איצטיקע און פאַר די געוועזענע זאַכן, איז די אַלערהעכסטע קראַפט פאַר דעם מענטשן. דעם מענטשנס ערשטער אויסגעשריי: „האַר פון דער וועלט!” איז געקומען פון די אינגעווייידן פון בענקעניש. עס איז די בענקשאַפט, וואָס

„פירט פון די רונדן צו די ראַנדן, פון די פאַלדן
צו די קנייטשן. פון די קנייטשן צו די ווינקלען,
און —
אין די קנייטשן — איז דער טרויער
אין די ווינקלען — איז די תפילה”.

**דניאל טשאַרני**

# ש ל ״ ה - ל י ד ע ר

(געווידמעט צו אַן אייניקל פון של״ה הקדוש)

I

דיין טאַטע־מאַמע זיינען שטאַרק געווען באַגייסטערט,
ווען זיי האָבן דיך געמייסטערט
אין די פרייטיקדיקע קדושה־נעכט.
ס׳איז יעדער אבר׳ל באַזונדער
אַ מעשה־בראשית׳דיקער וואונדער,
אַ הייליקער תרי״ג־געפלעכט.
אַלע דיינע פיין־געטאַקטע גלידער
זיינען ווי די שיר השירים־לידער
שטענדיק יונג און אַקטועל.
און איך, דיין גזע־קרוב, שטיי פון וויטן,
כ׳באַוואונדער דיך פון אַלע זייטן
און כ׳וואַרט זאָלסט מיך אַ רוף טאָן צו דיין שוועל.

II

כ׳קאָן מיט דיר ווערן אינטים,
אינטימער נאָך ווי מאַן און ווייב.
זאָלסט קאָנען דערהערן מיין שטים
פון יענער זייט זינדיקן לייב.
יעדער גליד האָט זיין אייגענעם קול,
יעדער אָדער — זיין סטרוניקן קלאַנג.
און וואו נאָר אַ באַרג צי אַ טאָל —
זאָל קלינגען פאַר דיר מיין געזאַנג.
וועסט הערן אַ גאַנצע סימפאָניע
פון נאַכטיגאַלס, קוקוס און הענער —
זיי וועלן דיר אויסזינגען דאַניען
אויף אַלע פאַרשיידענע טענער.
יע, דאַניע פאַרלירט באַלד זיין שטימע
און איינגעדאַרט ווערט שוין זיין לייב,
דאָך וויל ער נאָך ווערן אינטימער
מיט קינדיש־פאַרמאַמעטער ווייב.

(באָסטאָן, 1956)



**י. פרידלאַנד**

# צ ווי ש ן  נ י ט  א יי ג ע נ ע

(דערציילונג)

פאַר דעם פּראָפעסאָר ריטשמאַנד איז דער יידישער סטודענט, סימאָר קליין, געווען עפּעס אַ פענאָמען. אַ דערשיינונג ביי אים אין קלאַס, וואָס ער האָט זעלטן, ביז איצט באַגעגנט.

פאַר די פאַר צענדליק יאָר וואָס ער האַלט דאָ די פּראָפעסאָר שטעלע, אין דעם אגריקולטור דעפּאַרטמענט פון דעם בערקלי אוניווערסיטעט, האָט ער, צווישן זיינע סטודענטן, ניט געהאַט נאָך אַזאַ יידישן יונגנמאַן, וואָס זאָל געווען אונטערנעמען אַ שטודיום פון אַגראַר־וויסן. ער האָט געוואוסט, דער פּראָפעסאָר, אַז יידישע סטודענטן זיינען דורשטיקע לערנער, צייכענען זיך אויס אויף אַלע געביטן פון וועלטלעכן וויסן. די אוניווערסיטעטן זיינען איבערפילט מיט יידישע יוגנטלעכע וואָס שטודירן: יוריספּרודענץ, אינזשעניריי, כעמיע, פילאָזאָפיע, מוזיק און אַ סך אַנדערע ענינים. אָבער די לערע פון אַגריקולטור, ערד־אַרבעט וכדומה; אַזאַ דערשיינונג איז אים, ביז איצט, ניט באַקאַנט געווען. הפנים, אַז די געוויקסן און פלאַנצן־וועלט האָט זיי ווייניק אימפּאָנירט.

ער ווייסט זייער גוט, דער פּראָפעסאָר, אַז די יידן, צוליב כלערליי באַגרעניצונגען אויף דעם רעכט פון ערד־באַזיץ, אין דער אַלטער וועלט, זיינען במשך פון זייער וואַנדער מער אורבאַניזירט געוואָרן, פאַרוואַנדלט זיך אין שטאָט־מענטשן, און האָבן ס׳רוב באַשעפטיקט זיך מיט פרנסות וואָס די גרויסע שטאָט האָט אַרויסגערופן אין לעבן: אַזעלכע פרנסות ווי: קאָמערסאַנטן, פלאַקס און וואָל סחורים, קליין און גרויס קרעמער, כלערליי אגענטן און צענדליקע אַנדערע מאַטעריעלע און גייסטיקע פונקציעס, וואָס די ציוויליזאַציע אין די גרויסע שטעט, פון יעדן לאַנד, האָט אויסגעפורעמט. דאָ, אין דעם ווייטן מערב האָט ער זעלטן באַגעגנט יידן פון דעם פּיאָנערן טיפּ, מיט אַ ברענענדיקער תשוקה צו ערד־אַרבעט אוןווירטשאַפטלעכער אַגריקולטור. און מחמת דעם טאַקע, ווען סימאָר קליין האָט אויפגענומען דעם אגראַר קורס אין „בערקלי״ און דערנאָך אויך ממשיך געווען זיין לערנען און פּראַקטיצירן אויף דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע אין „דעיוויס״ מיט כלערליי פלאַנצן און זריעות, האָט דער פּראָפעסאָר מיט אים זיך נאָכמער פאַראינטערעסירט און איז געווען צו אים זייער חבריש צוגעבונדן . . .

פּראָפעסאָר ריטשמאַנד האָט זייער אָפט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אָט דעם יידישן סטודענט, טאַקע צוליב זיין דורשטיקן לערנען, צוליב זיין חריפות און שכלדיקייט.

ביי גאָר אָפטע געלעגנהייטן פלעגט דער פּראָפעסאָר,ביים מאָלצייט־טיש, מיט זיין משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון זיין פרוי הילדא און זיין איינ־איינציקע שיינע טאָכטער, עדנאַ, דערציילן זיי וועגן אָט דעם יונגן חריפות׳דיקן סטודענט, סימאָר קליין, וואָס לערנט ביי אים אין פאַקולטעט. ער פלעגט ניט פאַרפעלן אויסצורעכענען זיינע גוטע מעלות און גאָר באַזונדער וועגן זיין גרויסן אינטערעס און ליבע צו פאָרשן און עקספּערימענטירן מיט כלערליי געוויקסן און פלאַנצן.

פרוי הילדאַ האָט דעם יידישן סטודענט, פון וועלכן דער פראָפעסאָר איז געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, נישט געהאַט נאָך די געלעגנהייט אים צו קענען. בעת די טאָכטער, עדנאַ, האָט אים שוין דווקא יאָ אַ סך מאָל געזען אויפן „קעמפּוס" און אפילו נאָענט באַקענט זיך מיט אים. איר, עדנאַן, איז ער זייער געפעלן געוואָרן, כמעט פון ערשטן אויגנבליק, אויב ניט פאַר עפּעס אַנדערש, איז זיכער פאַר זיין שיין־גאַלאַנטער און אַטלעטישער יונגשאַפט.

איינמאָל ווען ס'איז גערעדט געוואָרן, ביים מאָלצייט־טיש, וועגן זייער עדנאַס באַלדיקן געבוירן־טאָג, האָט דער פראָפעסאָר סוגעסטירט, אַז צום צעטל פון די איינגעלאַדענע געסט צו דער שמחה פון זייער טאָכטער, זאָל מען אויך אריינגעמען זיין יוגנט פריינט, דעם יידישן סטודענט סימאָר קליין.

פרוי ריטשמאַנד איז לכתחילה געבליבן אַביסל נשתומם פון איר מאַנס פאָרשלאַג, איינצולאַדן דעם יידישן סטודענט. זי האָט אין דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן: צי איז דעם פראָפעסאָרס פאָרשלאַג געקומען פון זיין אייגענעם ווילן און פאַרטראַכט, צי האָט ער מיט דעם געוואָלט זיין טאָכטער צוליב טאָן?! זי האָט נישט געוואָלט תיכף שלום מאַכן מיט דעם, צו איר, אויסטערלישן געדאַנק, וועגן אָט דער איינלאַדונג. אפשר וועט אָט דער סימאָר קליין זיך גאָר נישט אַריינפּאַסן אין דער געזעלשאַפט פון זייערע פריינט — די עליט פון „בערקלי" און „פּאַלאָ אַלטאָ"? ער איז דאָך אַ פרעמדער, אַ ניט אייגענער! פאַר דעם רוב פון די געסט, אַן אומבאַקאַנטער, פון אַן אַנדער גלויבן און, אַ ייד דערצו . . . דאָך, ווען זי האָט באַמערקט דעם ברייט צופרידענעם שמייכל אויף דעם פראָפעסאָרס געזיכט, און בעיקר דאָס שטראַלנדיקע לויטער פּנים פון זייער איינציקער ליבער טאָכטער, עדנאַ; האָט זי דאָך אָן וועלכע סע איז באַמערקונג, געגעבן איר הסכמה, צו דער סוגעסטיע פון איר מאַן: איינצולאַדן דעם יידישן סטודענט — סימאָר קליין . . .

ווען סימאָר איז אָנגעקומען צו די ריטשמאַנדס אויף זייער גוט, איז ער פון זיי אויפגענומען געוואָרן זייער פריינטלעך. דאָ האָט ער שוין אויך געטראָפן דעם „דיען" פונם פאַקולטעט, וועלכער איז אים באַקענט געווען פון פריער. דער פראָפעסאָר האָט אים אויך פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פון דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, אין סאַקראַמענטאָ; אויך מיט אַ יונגנמאַן, דזשאָן סיימינגטאָן, אַ זון פון אַ רייכן לאַנד־באַזיצער, וועלכער וואוינט אין שכנות מיט די ריטשמאַנדס און וועלכער האָט, אגב, אַרויסגעוויזן נישט ווייניק אינטערעס צו עדנאַן.

אַ געזעמל פון יונג־פרויען זייבען געשטאַנען אין אַ זייט פון דעם רחבותדיקן סאַלאָן, און שטיל, צווישן זיך, געשמועסט: משמעות גע'סוד'עט זיך וועגן אומבאַקאַנטן גאַסט, וואָס איז צוגעקומען צו דעם קרייז פון זייער אַזוי גערופענער עליט. די יונגע פרויען האָבן, צווישן זיך, געשמייכלט און גלייכצייטיק דעם גאַסט באַוואונדערט. סימאָר האָט עס אינטואיטיוו דערפילט און, ס'האָט אים דווקא טיילווייז געשמייכלט. ער האָט געפילט, און איז אויך געווען מיט זיך זיכער, אַז ער האָט נישט מיט וואָס זיך צו שעמען פאַר אָט דער, אַזוי גערופענער, הויכער געזעלשאַפט. מיט זיין אינטעליגענץ און וויסן וועט ער זיך זיכער מיט זיי אויסגלייכן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און וואָס שייך אין אויסזען — אויך אַזוי: ער טראָגט אויף זיך אַ שיינעם, טונקל־ברוין געקרייזטן קאָפּ האָר; אַ פּאָר טיפע טונקעלע וואַרעמע אויגן, אַ ברוין, פון זון אָפּגעברענטן



פּנים, איידעלע געזיכט שטריכן, אַביסל העכער פון מיטלען וואוקס, געזונט אַטלעטיש אַנטוויקלט, נעט געקליידט און אַ שמייכל מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן, וואָס קען ממש פאַרכישופן. אַלץ אַזעלכע אטריבוטן וואָס האָט אַ גאָר גרויס אָנזען אין געזעלשאַפטן פון אַזאַ כאַראַקטער און קאַליבר . . .

סימאָר האָט עס תיכף דערפילט, אַז זייער אויפמערק איבער אים איז אפשר דערפאַר, מחמת ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ ניט אייגענער אין זייער „קלען". ער האָט געפילט אין דעם מאָמענט, אַז זיי באַטראַכטן אים ווי עפּעס אַ נײַ עקזאָטיש זעלטענע פלאַנץ, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן צו זיי פון אַנדערע מקומות. אמת, די פלאַנץ קען זיך זיין אַ שיינע, אפשר אָן אַ פּגימה און רופט אפילו ארויס באַוואונדערונג פאַר איר שיינקייט. און כאָטש סימאָר קליין איז אין זיין האַלטונג, מאַניערן, קלאַנג אין אַקצענט, ניט געווען אַנדערש פון די אָנוועזנדיקע אין דער געזעלשאַפט, פונדעסטוועגן איז ער באַטראַכט געוואָרן פון זיי אַביסל אַנדערש, מיט אַנדערע אויגן . . . ניט חלילה מיט אויגן פון אָפענעם פאַראורטייל פאַר דעם פרעמדן, דעם אומבאַקאַנטן; ניין, אָבער מיט אויגן פון באַזונדערן נייגער, מחמת אַנדערש — דאָס יאָ . . .

ווי געשטאַרקט און זיכער סימאָר קליין איז מיט זיך געווען, האָט ער דאָך, צוליב זיין שפּירעוודיקייט און סענסיוויטעט, דערפילט אָט דעם ניואַנס אין דער שטימונג און אָטעם פון זייער אַלעמענס געדאַנקענגאַנג . . . און כאָטש דאָס אַלץ האָט אים אַביסל געשמייכלט און אפילו פאַראינטריגירט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך דערפילט עטוואָס אומבאַקוועם, פון אָט דער, אויף אים, אַקצענטירטער אויפמערקזאַמקייט . . .

דער דאָזיקער געפיל און איינדרוק איז מיט אַמאָל ווי איבערגעריסן געוואָרן, ווען אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט די מאַדאַם ריטשמאַנד פאַרבעטן די געסט זיי זאָלן אַריינקומען אין עס־צימער צו דער פאַרגרייטער סעודה. די פרוי ריטשמאַנד האָט איצט אַלעמען אָנגעוויזן אויף זייערע, פון פריער באַשטימטע, ערטער ביים מאָלצייט טיש, און האָט הפּנים אַזוי מאַנעווורירט, אַז עדנאַ, די טאָכטער אירע, זאָל זיצן צווישן די ביידע יונגע־לייט; רעכטס פון סימאָר קליין, און לינקס פון דזשאָן סיימינגטאָן, וועלכער, ווי געזאָגט, שדכנ'ט זיך צו עדנאַן.

עדנאַ אין דערמיט צווישן ביידע בחורים, פּאָטענציעלע חתנים־קאַנדידאַטן, האָט פריידיק אַרויסגעשטראַלט ווי אַ ליכטיק־לויטער געשטאַלט, און ווי זי וואָלט געפרעגט ביי די געסט אַרום טיש זיצנדיקע:

— נו, וואָס דענקט איר? ווער פון די צוויי בחורים, ביי מיין זייט, איז דער בעסטער, דער שענסטער און פאַסיקסטער, פאַר מיר, שידוך? . . .

די גרויסע סעודה האָט זיך אָנגעהייבן, געסערווירט פון דער דינערשאַפט מיט די בעסטע מאכלים און פיינסטע געטראַנקען. די געסט זיינען געוואָרן פריילעכער און די צונגער לויזער. מיינונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן פּאָליטיק, וועגן די קומענדיקע וואַלן פאַר פּרעזידענט פון לאַנד, אויך וועגן דער וואַקסנדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין קאַליפאָרניע, צו יענער צייט, און וועגן דער גרויסער סטרייק כוואַליע אין דער דאַן גאָר יונג אַנטוויקלטער אינדוסטריע. אין שייכות מיט די סטרייקס האָט מען אויך דערמאנט אַן אָנגעווייטיקטן עניין, וואָס איז נאָך פריש פאַרבליבן אין זכרון ביי אַ סך קאַליפאָרניער, מיט ניט ווייניק פאַרביטערונג: — דער אויפרייס מיט די־

נאַמיט פון דער „לאָס אנגעלעסער טיימס“. אָט דער טאַט, בשעתו, האָט אויפגערודערט ניט נאָר די קאַליפאָרניער, נייערט דאָס גאַנצע לאַנד. באַשולדיקט אין דעם פאַרברעך האָט מען די „ברידער מעקנאמארע“, צוויי טיכטיקע יוניאָן־לייט; און קלארענס דאורע, דער באַרימטער ליבעראַלער יוריסט פון שיקאגא, איז ספּעציעל אַרונטערגעקומען, קיין קאַליפאָרניע, פאַר זייער פאַרטיידיקונג. אָט דער ענין איז געווען אַן אָנרעגנדיקער פאַר כלערליי וויכוחים אין די רוב געזעלשאַפטן און צוזאַמענקומען צו יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ, איז דער, מיט דינאַמיט אָנגעלאָדענער ענין, נישט דורכגעלאָזן געוואָרן.

סימאָר האָט, כמעט, ווי ניט גענומען קיין אנטייל אין אָט דעם שמועס; אים האָט דער ענין ניט איבעריק שטאַרק אינטערעסירט. ס'איז ניט זיין פעלד, האָט ער געטראַכט, איז בעסער גאָר אויסמיידן אָט דעם גליטשיקן פּאָליטישן ענין. אָבער ווען איינער, אַ שטאַט באַאַמטער פון סאקראמענטא, האָט זיך צו אים אַ ווענד געטאָן:

— און וואָס דענקט איר, מר. קליין, וועלן די סאָציאַליסטן געווינען אין די באַלדיקע קאַליפאָרניער וואַלן? . . .

פאַר סימאָרן איז די פראַגע געווען אַן אומדערוואַרטעטע, און נישט ווילנדיק איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דיסקוסיע, און שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר צו ענטפערן.

— איך האַלט — האָט סימאר אים געענטפערט — אַז דער גאַנצן טומל, וועגן דער אַזוי־גערופענער סאָציאַליסטישער געפאַר איז אַן אויפגעבלאָזענער. אויב עפּעס, איז עס אַן איבערגאַנגס פעריאָד אַזאַ, און ס'וועט באַלד אַריבער און פאַרגעסן ווערן. וואָס שייך מיך פערזענלעך, אינטערעסירט דער ענין זייער ווייניק. מיין פעלד, ווי איר ווייסט, איז אַגריקולטור און די אַנטוויקלונג פון כלערליי פלאַנצן, און נישט קיין פּאָליטיק . . .

דאָ האָט דער יונגער סיימינגטאָן אויסגענוצט די געלעגנהייט אַריינצוזאָגן עפּעס זיין „קאָנקורענט“ מיט אַ וואָרט עס זאָל אים אַ שטאָך טאָן.

— ווי קומט עס, מר. קליין, וואָס אייך אינטערעסירט נישט דער ענין? מיר דאַכט, אַז דער רוב פון „אייערע“ זיינען אָנהענגער און פירער פון דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד? . . .

אַלע ארום טיש זיצנדיקע זיינען אַביסל שאָקירט געוואָרן פון דעם לעצטנס שטאַרקער באַמערקונג, אַקצענטירט אויף דעם וואָרט „אייערע“. זיי האָבן געוואָרפן זייערע בליקן, אָט אויף סיימינגטאָנען, אָט אויף קליינען. דערוואַרטנדיק עפּעס אַ פאַרמעסט, צווישן ביידע יונגעלייט; און זיי זיינען געזעסן געשפּאַנט צו הערן וואָס דער גאַסט, סימאָר קליין, וועט אים אויף דעם ענטפערן.

סימאָר האָט לכתחילה זיך אַביסל פאַרלאָרן, מחמת שאָקירט פון סיימינגטאָנס פלוצלונגער באַמערקונג אויפן חשבון פון יידן. אַזאַ באַמערקונג האָט ער אַמווייניקסטן דערוואַרט צו הערן אין דער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַוועלטיקט און, נאָך אַ קורצן פאַרטראַכט, האָט ער געענטפערט מערער צו די אַרום טיש זיצנדיקע, ווי צו זיין אָנגרייפער . . .

— דער הער סיימינגטאָן איז אַבסאָלוט אומגערעכט אין זיין באַהויפּטונג. איך האַלט, אַז די וועלכע האָבן נישט קיין פאָרטורטייל קעגן אַן אַנדער ראַסע אָדער אַ מינדערהייט, האָבן מכוח אָט דעם ענין גאָר אַן אַנדער מיינונג. און לאָזט מיר אייך זאָגן, אגב, און איר ווייסט דאָס אויך, אַז די פירער פון דער



סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ, ביי אונדז אין שטאַט, זיינען דווקא נישט קיין יידן. כאָטש איך האַלט עס נישט פאַר קיין עוולה, ווען זיי וואָלטן עס יאָ געווען . . . זיי, די קאַליפאָרניער סאָציאַליסטן, זיינען דווקא פון די סאמאָראָדנע אייניקלעך, וואָס זיינען געקומען אַהער אין לאַנד מיט דער „מעיפלאוער“ . . .

סימאָרס ענטפער איז געווען צום פונקט און טרעפלעך, און מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט דעם אומגעריכטן שטורעם, וואָס דער סיימינגטאָן האָט אַזוי פלוצלונג אַריינגעטראָגן. כאָטש צומאָל איז עס געווען פאַרשטענדלעך, ווארום און פאַרוואָס . . .

נאָך דער סעודה זיינען די געסט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער סאליע, און אויף דער גרויסער וועראַנדע פון הויז, וואָס איז איצט געווען איינגעהילט אין אַ געדיכט באַבלעטערטער און פיאָלעט־באַבלומטער „וויסטאריע“. דער אַראָמאַט פון דער וויסטאריע, פון דעם „האָני־סאָקל“ און פון דער קאַליפאָרניע מאַגנאָליע, האָבן מיט זייער שטאַרקן אַראָמאַט און בלומען־דופט אַלעמען באַרוישט און ממש פאַרשיכורט.

אַ טייל פון די געסט האָבן צעשפּרייט זיך איבער דעם גרויסן געדיכטן גאָרטן. עדנא האָט אַ נעם געטאָן סימאָרן אונטערן אָרעם און אַוועקגעשפּאַצירט מיט אים אין דער טיפקייט פון גאָרטן. סימאָרס שטימונג איז געווען אַביסל אַ געדריקטע, צוליב דער אומסימפּאַטישער באַמערקונג, פון דעם יונגן סיימינגטאָן, ביים טיש, אויפן אַדרעס פון יידן. עדנא האָט עס תיכף דערשפּירט און געזוכט אים צו באַרואיקן:

— נעם נישט קיין אַכט פון אָט דעם סיימינגטאָן, מיין טייערער, ער איז אַ ווילדער אומקולטיווירטער „סנאָב“.

שפּאַצירנדיק האָבן זיי געשמועסט, צווישן זיך, וועגן מוזיק און ליטעראַטור, און ביי דער געלעגנהייט האָט זי אים באַדאַנקט פאַר דער שיינער מתנה, וואָס ער האָט צוגעשיקט, פאַר איר געבוירן־טאָג.

— די צוויי ביכער, וואָס האָסט מיר געגעבן: „ברעט האַרט“ און „וואָלט וויטמאַן“, איז ביי מיר זייער און זייער אָנגעלייגט. ברעט האַרט! האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגערופן: דער פריסטער קאַליפאָרניע דערציילער פון דער פּיאָנערן עפּאָכע. און וואָלט וויטמאַן! ער איז דאָך מיין ליבלינג! — האָט זי פייערלעך גערעדט וועגן אים — כאָטש מ'קען אים שוין צורעכענען צווישן אונדזערע אַמעריקאַנער קלאַסיקער, איז אָבער זיין דיכטונג און מעטער עכט מאָדערניסטיש; ער האָט אפילו אַ סך משפּיע געווען אויף אונזערע סאַמע יונגסטע דיכטער.

— גערעכט, ליבע עדנא, כ'בין מיט דיר אין גאַנצן מסכים וועגן דעם — האָט סימאָר צוגעגעבן — און איז געווען צופרידן פון איר באַהאַוונטקייט און אינטערעס אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

דער אָוונט איז מיט אַמאָל צוגעפאַלן און אַ קיל דעמפּ ווינטל האָט זיך געטראָגן פון דעם „בעי“. די געסט זיינען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אין דעם רחבות'דיקן סאַלאָן פון די ריטשמאנדס. עס זיינען צוגעקומען נאָך אַ צאָל געסט, און מע האָט שוין דעם גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט אין אַן עכט אינטעלעקטועלער אַטמאָספערע.

שפּעט אין אָוונט האָבן די געסט אָנגעהייבן פאַרלאָזן. סימאָרן האָבן די

ריטשמאַנדס פאַרבעטן צו בלייבן איבערנעכטיקן ביי זיי. באַזונדערס האָט אים עדנא זייער שטאַרק צוגערעדט ער זאָל בלייבן דאָ נעכטיקן:

— מאָרגן ווען מיר אַרויסרייטן צום „כרמל ביים ים“. דאָרטן איז פאַראַן אַ קאָלאָניע פון קינסטלער, שרייבער, דיכטער און מאָלער. ס׳וועט זיין פאַר דיר אינטערעסאַנט מיט זיי זיך צו באַקענען. סימאָר האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. ווינטשנדיק די ריטשמאַנדס אַ גוטע נאַכט, איז ער אַרויף צום גאַסט־צימער איבערשלאָפן די נאַכט.

די הויז איז געווען איינגעהילט אין אַ טיף־נאַכטיקע שטילקייט. סימאָר האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. אים האָט זיך געפּלאָנטערט אין מוח כלערליי מחשבות און געדאַנקען: די געסט פון דעם אָוונט; די דיסקוסיע ביים טיש; סיימינגטאָנס באַמערקונג אויף זיין יידישער אָנגעהעריקייט, און בעיקר האָט אים אַרומגענומען אַ ספקות אין שייכות צו עדנאַן. ער פילט אַז ער ווערט וואָס אַמאָל מערער הינגעריסן פון איר שיין געשטאַלט און פערזענלעכקייט; ער ווייסט אויך, אַז זי איז צו אים ניט גאָר גלייכגילטיק. אויך דער פּראָפעסאָר וואָלט ניט געהאַט אויסצווזעצן קעגן אַ מעגלעכן שידוך צווישן זייביידן. ער ווייסט אויך, אַז אויפריכטיקע ליבע שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר אַזעלכע מניעות אָדער באַריערן ווי רעליגיע, ראַסע אָדער מצב. דאָך פילט ער אַז דער דרוק פון זייער געזעלשאַפט און סביבה, וועט כסדר זיין ווי אַ האַרבע מחיצה, צווישן אים און זיי. ער האָט עס היינט אָוונט געפילט אויף זיך. סיימינגטאָן האָט בלויז צעבלאָזן דעם פונק וואָס האָט שטיל געטליעט ביי זיי... מיט אָט די ספקות האָט ער זיך געראַנגלט כמעט די גאַנצע נאַכט און ממש ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. ערשט ווען ס׳האָט אָנגעהייבן שאַריען אויף טאָג איז ער קוים איינגעשלאָפן.

ווען סימאָר האָט אין שפּעטן פרימאָרגן אויפגעכאַפּט זיך און איז אַרונטערגעקומען, האָט עדנא שוין געוואַרט אויף אים מיטן אָנבייסן. אין דרויסן ביים הויז האָבן שוין געוואַרט אויף זיי צוויי אָנגעזאָטלטע „רייטערלעך“ צום אַרויספאָר.

סימאָר און עדנא האָבן געריטן זייט ביי זייט און כמעט ווי געשוויגן. ביידע זיינען געווען פאַרגאַפט און שטיל באַוואונדערט די שיינקייט פון דער נאַטור און דעם שטיל־מילדן זוניקן פרימאָרגן. עדנא האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט שטיפעריש אַ שפּור געטאָן איר „רייטערל“ און האָט שמייכלענדיק, גאַלאָפּירנדיק איבערגעלאָזט סימאָרן הינטן. סימאָר האָט מיט אימפּעט אַ יאָג געטאָן נאָך איר. ער האָט זיך תיכף מיט איר אויסגעגלייכט אין געלאָף, און זיינען ווידער געריטן זייט ביי זייט. זיי האָבן זיך איצט איבערגעוואָרפן מיט רייד, און באַוואונדערט די נאַטור שיינקייט אַרום און די ריזיקע גיגאַנטישע ביימער אין דעם געדיכטן וואַלד וועלכן זיי האָבן איצט דורכגעשניטן.

— ביימער זיינען ווי מענטשן פאַרשידן — האָט סימאָר האַלב פילאָזאָפיש באַמערקט — און מיר דאָ, אין אָט דעם געדיכטן גרויסן וואַלד, זיינען ווי מילבן אין אָט דעם קאָלאָסאַלן גרויס־פאַרנעמיקן אַרום...

דער וועג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער, און אין די אַלייען, צווישן די הויכע סאָסנעס, האָבן זיי זיך געטראָגן אויף זייערע „רייטערלעך“, ווי אַ גאָט געבענטשטע פּאָר. די זון האָט לויטער געשיינט און געוואָרפן אירע שאָטן און ליכט שטראַלן אויף דעם געדיכט באַבוימערטן און באַבלעטערטן וואַלד,



וועלכער איז געווען אי יונג אי אַלט און טיף מיסטעריעז. דער ריטם פון די פערד׳ס גאַלאָפּ און דאָס פויגל געזאַנג איז געוואָרן איינס, ווי טייל פון דעם גאַנצן באַצויבערנדיקע אַרום...

זיי האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ביים סוף פון אַ געדיכט יונג וועלדל וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ לויפנדיקן ניט ברייטן טייך. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שטיל אידיליש, נאַטור־רייך און קאָלירפול. זיי האָבן צוגעבונדן זייערע פערדלעך צו אַ בוים און זיינען, האַנט אין האַנט, צוגעקומען צום טייך. דאָ האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע: די זון האָט מורטערלעך געטריי געוואַרעמט, באַליכטיקט און באַשטראַלט די בערג, די ברייט־רחבות׳דיקע גרינע לאָנקן, און באַזילבערט די שטילע כוואַליעס פון דעם לויפנדיקן טייך. נעבן די פוס־בערגלעך, אויף אַ גרינער פלאַך האָט זיך געפּיטערט אַ סטאַדע שאָף, און אַן איינזאַמער פּאַסטוכל, באַגלייט פון אַ גרויסן הונט, האָט נאָכגעפאָלגט די סטאַדע. די גאַנצע אַרומיקע פּאַנאָראַמע איז געווען דאָ ווי אַ שטיק אידיליש „שטיל לעבן“ געמאָלן פון אַ קינסטלער האַנט.

— זעסט, עדנא, אָט די גאַנצע שיינע נאַטור־רייכע פּאַנאָראַמע, דערמאָנט מיר אין וואַן־גאָגס בילדלעכע נאַטור שאַפונגען. אָט האָסטו פאַר זיך אַ וואונדערלעכע קאָלעקציע פון כלערליי נאַטור שיינקייטן קאָנצענטרירט אין איין שטח. דאָס איז אַ שטיק „נאַטור און לעבן“ פון גאָטס יצירה.

— יאָ, סימאָר — האָט עדנא מיט ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין זיינע מילדע טיפע אויגן און געזאָגט — ס׳איז שיין, נאַטור־רייך און בילדלעך; מ׳דאַרף אָבער זיין אַ דיכטער מיט אַ גרויסער ליבע צו דער נאַטור, ווי דו, כדי דאָס אַלץ קענען זען, אַריינעמען עס אין זיך און דאָס אַזוי שיין באַנעמען און דורכלעבן...

— אַ דאַנק דיר פאַר דיין אָפנהאַרציקן און שיינעם קאָמפּלימענט — האָט סימאָר מיט צאַרטקייט און אַ סך וואַרעמקייט געדריקט איר האַנט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם גרינעם גראָז און שווייגנדיק צוגעהערט זיך צום גאַנצן שטילן אַרום. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון די שמעטערלינגען, דאָס טוויטשערן פון פויגל, דאָס רוישן פון דעם פאַרביילויפנדיקן וואַסער. אין די קוסטעס אַרום זיי האָבן טעטיק געזשומעט בינען; פויגעלעך אויף צווייגן האָבן געקושט זיך אין די שנאָבעלעך; אין גראָז אויף דער ערד האָט געשוויבלט מיט זשוקעלעך און מוראַשקעס. אין דער נאַטור איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער, אייביקער און ערלעכער פּראָצעס פון ליבע, געבורט און וואוקס. די גאַנצע נאַקעטע און רויע נאַטור אַרום, איז איצט געווען אָנגעפילט און פאַרכאַפּט מיט עראָטישקייט און וואַרעמע תאווה׳דיקע באַגערן...

זיי זיינען געזעסן אויף דעם גראָז פאַרנומען און באַוועלטיקט מיט די זעלביקע געדאַנקען און עמאָציעס...

אינסטינקטיוו זיינען די שפּילעוודיקע פינגער פון זייערע הענט, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן און געצערטלט איינע די אַנדערע, מיט אַמאָל איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ שטאַרקן קראַמפּנדיקן צודריק, און אין דער זעלביקער רגע האָבן זיי זיך קערפּערלעך געגענט, איינגעקלאַמערט געוואָרן איינס אין אַנדערן, און פאַרזיגלט זייער מיט אַמאָל אויפגעברויזטער סענסיביליטעט מיט אַ לאַנג דויערנדיקן קוש...

אָט דער אימפּולסיווער אויפברויז פון ליבע עמאָציעס, האָט זיי ניט נאָר אינטים דערנעענט, נאָר האָט אויך מיט אַמאָל באַפרייט זיי פון אַ סך פריערדיקע

צוימונגען, וואָס האָט זיי איינערלעך באַהערשט. ס'האָט מיט אַמאָל געעפנט זיך פאַר זיי אַ פרייער, אומגעצוימטער צוטריט פון איינעם צום צווייטן. זייערע רייד האָבן באַקומען אַ פרייען אויסגוס, און צווישן זיך זיינען זיי געוואָרן היימישער, אינטימער און פרייער . . .

ביז איצט האָבן סימאָר און עדנא געהאַלטן זיך כמעט מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ — ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט האָט פאַרהאַלטן דאָס מויל, פריי אַרויסצוזאָגן וואָס דאָס האַרץ האָט געפילט. דאָ, ביי דער שויס פון דער פרייער נאַטור, האָבן די צוויי יונגע, לעבעדיקע און קרעפטיקע מענטשן־קינדער, אין דער מיט פון אָט דער גאַנצער ליבנדיקער, לעבנפולסירנדיקער און באַהעפטנדיקער ערדישער נאַטור, זיינען זיי ביידע, אויך דאָ געוואָרן אַ מיטווירקנדיקער טייל פון אָט דעם פרייען, נאַטור־שעפערישן אַרום . . .

אין דער ווייטקייט האָבן די בערג שפיצן פון די סיעראס נאָך געטראָגן אויף זיך שניי־ווייסע מיצן און די זון שטראַלן פון דעם מיט פרילינג טאָג, האָבן געליכטיקט מיט אַ בלענדנדער גאָלדיקע־זילבערדיקייט . . .

די צוויי „רייטערלעך" זייערע, צוגעבונדענע צום בוים, האָבן שפילעוודיק געביסן איינער דעם צווייטנס גריוועס. אויך זיי האָבן אנטייל גענומען אין דער שפיל פון דער נאַטור. פון צייט צו צייט, האָט זיך געהערט זייער הירזשען און אומרואיק קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס אויף דער ערד, און דאָס שורשען פון די בלעטער און קוסטעס אַרום זיי; ווי זיי וואָלטן גערופן צו זיך, זייערע באַזיצער, די רייטערס . . .

די אומרואיקייט פון די פערדלעך, האָט זיי ביידן ווי אויפגעוועקט, געבראַכט זיי צו זיך.

סימאָר האָט זיך אויפגעהייבן פון גראָז, געבליבן שטיין, אַראָפּקוקנדיק אויף עדנאן מיט ליבשאַפט און באַוואונדערונג. זי איז געלעגן אויפן גראָז אַזאַ פריידיק־שטראַלנדיקע. ער האָט מיט אַ פריידיקן שמייכל אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו איר, און אויפהייבנדיק זי האָט ער איר איינגעשלאָסן אין זיינע שטאַרקע ברייטע אָרעמס. געאַרעמט זיינען זיי ביידע צוגעקומען צו זייערע „רייטערלעך".

ווי אַ געליבטער כלה, וועמען דער חתן, גלייך נאָך דער חתונה, טראָגט זי אַריבער די שוועל פון זייער נייער היים; אַזוי האָט סימאָר, מיט אַמאָל אַ נעם געטאָן עדנאן אויף זיינע הענט, און צערטלעך און ריטערלעך אַרויפגעזעצט זי אויף דעם זאָטל פון איר פערדל, און דערנאָך פלינק אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין רייט־פערדל. אַ ריר געטאָן זיך פון אָרט, האָבן זיי ביידע ווי זאָרגלאָזע קינדער אויסגעשריגן צום גאַנצן באַוואַלדערטן אַרום:

— אַ ד י אָ ! אַ ד י אָ !

אַזוי האָבן זיי זיך עקזאַלטירנדיק געזעגנט, מיט דעם ערלעך, נאַטור באַצויבערדיקן ווינקל; וואו דאָס סודות'דיקע וועלדל, דאָס לויפנדיק וואַסער, דאָס ליכט און שאָטן פון באַרג און טאָל; און אין ווייטן דיסטאַנץ, די מיט שניי באַדעקטע באַרג־שפיצן, זיינען געווען הייליקע און שטילע עדות פון דער נאַטור געבענטשטער פאַראייניקטער פּאָר . . .



אסתר שומיאטשער־הירשביין

# ק אַ ל י פ אָ ר נ י ע

צווישן שטיין און זאַמד דאָ בליט די ברכה,
פולע בריסטן איז די באַרוישטע ערד;
עס שמעקט מיט מירט און פייגנבלעטער,
דאָ איז אַלץ ווי אַ וואונדער־מעשה פאַרקלערט.

אין אַ „זיידן העמדל" געבוירן איז קאַליפאָרניע דאָס לאַנד,
איר ערד אַ גוטע מאַמע גיביק און געראָטן;
וואו דו טוסט אַ קוק איז דאָ איר גנאָדיקע האַנט,
ווייַנטרויבן אין איר זאַמד, און בלעטערדיק איר שאָטן.

ווי דערוואַכט פון אַ לאַנגן כישוף־שלאָף,
שפּאַרט דער פרילינג דאָ אין גרינעם בלאַט;
שוין בליט דער אָנהייב פון דעם אָפּגעבליטן סוף,
מיט זון און ראָסע יעדער גאָרטן זאַט.

אַ יונגער רעגן פאַלט,
אין בלויע טענער שפּראָצט דאָ בלאַט נאָך בלאַט;
דער פרילינג עפנט זיינע גרינע ליפּן,
און קושט דעם ווינטער־חודש שבט.

אַ בליענדיקע שימערירנדיקע רחבות —
בערג, ווי שומרים ליכטיקע אומעטום;
די שאָטנס שפּאַנען צופוסנס מיט דער זון,
די ווילדע יוקאַס פילן־אָן מיט בשמים דעם אַרום.

און אָט, דאָס שווינדל־פויגעלע,
מיט זיין פלאַטערנדיקן זשום;
מיט זיין לאַנגן דינעם שנאָבעלע —
זייגט האָניק פון אַ בעכערל אין בלום.

אין זונענשטראַלן טובל'ט זיך דער טאָג,
מיט סאַמעט־ווייכקייט גלעטן די פאַרנאַכטן;
אַ ווינט גיט צווישן די פּאַלמען־ביימער זיך אַ טראָג,
און צעשויבערט זייער אָוונטדיקן טראַכטן.

אַ הייסע שושקעריי פון יונגער ליבע
שוועבט פאַרשייט און ליבלעך־זיס פאַרביי;
די זון צעשפּילט זיך אין אַ טראָפּן טוי,
ביימער ריידן מיט אַ פייגל־פּלאַפּלעריי.

אין דיינע בערגיקע און טאָלנדיקע ערטער,
דיין שיינקייט קוועלט און טוט פאַר גאָט זיך פּיעסטען;
אייביקער זומער איז דיין באַשערטער,
לאַנד פון קאַליפאָרניע — חלומות קענען זיך מיט דיר פאַרמעסטן!

נח גאָלדבערג

# הונגער

דערציילונג

מיין ליבן פריינט, דניאל טשאַרנין

אין רעכטן ברעג פונם אַמעריקאַנער גרויסן קריזיס, ווען מיליאָנען אַרבעטער זיינען געווען ליידיק, ניט געהאַט וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן, האָט זיך דער דרייסיק יעריקער דייוו אויפגעכאַפּט, ווען דער זומערדיקער פרימאָרגן האָט שוין אַריינגעקוקט דורך די האַלב פאַרהאַנגענע פענסטער. שטילערהייט האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון בעט און געזען, ווי אַ שטרייף פון דער ערשט־אויפגייענדיקער זון האָט זיך פּאַמעלעך אַריינגעגנבעט אין שלאָף־צימער און אָפּגעפאַרבט זיין קינדס, סעמקעלעס, שוואַרץ קעפּל האָר — אויף גאָלד.

דייוו האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל. ניט געוואָלט אויפוועקן דאָס קינד, מורא געהאַט, אַז זיין ווייב, ציפּל, זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און ווידער אָנהויבן טענהן: „וואָס וועט זיין דייוו? דו זעסט דאָך, אַז דאָס קינד איז איינגעדאַרט געוואָרן ווי אַ שפּאָן. ער וועט דאָך שוין באַלד אַוועקפאַלן, די בייזע שעה זאָל ניט זיין, און דיר אַרט דאָס ניט!” . . .

אַז ער האָט שוין גענומען דעם רענצל־געצייג אין די הענט און געקליבן זיך אַרויסגיין, האָט זיך ציפּל מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט. אַרויסגעשטעקט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ אונטערן ליילעך און אַ קאָסן קוק געגעבן אויף אים:

— ווען וועסטו קומען אַהיים, פאַרדינער מיינער! . . .

דאָס האַרץ איז ביי דייוון איינגעפאַלן. ער האָט געמיינט, אַז אָט הויבט זיך אָן די זעלבע חתונה, וואָס אַלע טאָג, זינט ער איז געוואָרן אַרבעטסלאָז. נאָר צום גליק האָט זי אים מער גאָרניט געפרעגט. אַפּנים צוריק איינגעשלאָפן. איז דער מאַן צוגעגאַנגען צו זיין קינדס בעטל, אַ צאַרטן בליק געגעבן אויפן יינגל, וואָס איז געשלאָפן מיט צעשפּרייטע הענטלעך, און קוים באַרירנדיק דעם רויטן, אָפּגעפאַרבטן דיל — איז ער אַרויס אין דרויסן.

אין גאַס איז אָנגעלאָפן אַ פריש ווינטל און אויסגעקושט דעם שלאָף פון דייווס אויגן, אַ שפּיל געטאָן זיך מיט זיין שוואַרצער פּאַטלע. אָבער דער יונגערמאַן האָט אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. מיט זיינע לאַנגע פיס איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קיאָסק, פאַר די לעצטע דריי סענט געקויפט אַ מאָרגן־צייטונג. צווישן די אַנאָנסן איבערגעלייענט, אַז קאַמינסקי, זיין אַמאָליקער באַלעבאָס, פאַרלאַנגט אַרבעטער, האָט ער די צייטונג פאַרקוועטשט ביי זיך אין רעקל־קעשענע, אַן איילנדיקער אַוועק אַהין און די גאַנצע צייט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ס'איז שפּעט, אַז ער וועט די שטעלע זיכער פאַרשפּעטיקן.

כאָטש דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער, וואָסערע פּערציק קוואַרטאַלן פון דאַנען, דאָך איז דייוו געגאַנגען צו פוס און פאַרגעשטעלט זיך: „ער וועט צוגיין צו קאַמינסקין, דערציילן דעם ריינעם אמת, אַז אין הויז איז ניטאָ וואָס צו עסן, אַז אים אַרט ניט פאַר זיך מיטן ווייב, בלויז פאַר סעמקעלען, וואָס וועט חלילה אַוועקפאַלן פון הונגער . . . אפשר וועט דאָס אים העלפן צו באַקומען די שטעלע? . . . און אפשר ניט? . . .



פאַר דעם לעצטן געדאַנק האָט ער זיך דערשראָקן און פאַרגיכערט די טריט. איצט איז ער כמעט געלאָפן איבער די ניו־יאָרקער, אַספאַלטענע טראָטואַרן, מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס ביי זיך אין געדאַנק, אַז ער מוז קריגן די אַרבעט! . . .

שפּעטער אַביסל, ווען ער איז אַ פאַרסאַפּעטער צוגעגאַנגען צו קאַמינסקיס פאַרב־געשעפט, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן אַ היפּשע רעדל אַרבעטער, וואָס זיינען אויך געווען אַרבעטסלאָזע ווי ער און געקומען אַהער זוכן אַרבעט. די בעל־מלאכות האָבן געקאַנט איינער דעם אַנדערן, סיי פון דער אַרבעטער בירזשע און סיי פון דער „יוניאָן”. דעריבער, ווען איינער פון זיי האָט דערזען דייוון צוקומען, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— חברה, זעט נאָר ווער עס גייט? האַלאָ, דייוועניו! . . . וואָס מאַכסטו? שוין לאַנג ניט געזען זיך! . . . מסתמא פון בעכטן אָן, אַ? . . .

דייוו האָט אַוועקגעשטעלט זיין רענצל מיט געצייג אויף דער ערד און אַ פינצטערן בליק געטאָן אויף דעם פאַרמאַכטן פאַרב־געשעפט:

— אברהמל, האָסט אפשר אַ סיגאַרעטל?

אין דער אמתן האָט מען אברהמלען גערופן דער „קאָרקן ציער” און געקומען איז דאָס דערפון, ווייל ווען ער פלעגט אַרבעטן אין אַ באַוואוינטער דירה, האָט ער אַפריער געזוכט אין אַלע שאַפעס פלעשעלעך. זיי האָבן געמעגט זיין גרויסע, אָדער קליינע. ער האָט זיי געמוזט אויפקאָרקעווען און אַ שמעק געבן צי אין זיי געפינט זיך בראַנפן. אָט דער אברהמל האָט זיך איצט האַסטיק אויסגעדרייט מיטן פנים צו די אַנדערע אַרבעטער און אַ פינטל געטאָן מיט זיין בעלמעדיקן אויג:

— איך וועל דיר געבן אַ סיגאַרעטל. אָבער, אַפריער זאָג מיר דייוועניו, זי האָט דיך טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון בעט, וואָס דו ביסט געקומען אַזוי פרי? . . .

סאָול, דער „גאָנער”, האָט אַרויסגעהויבן זיין לאַנגן האַלדז, מיטן געשרייפלטן גאָרגל, וואָס איז, פון אונטער דער דינער הויט, אַרומגעלאָפן אַרויף און אַראָפּ, ווי עמיצער וואָלט דאָרטן דעם גאָרגל געצויגן מיט שטריקעלעך אַהין און אַהער:

— קום נאָר אַהער, יום־טוב מיינער! — איז ביים „גאָנער” טאַקע געווען אַ פרייד, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דייוון און געהאַט פון וועמען צו חוזקן. און דייוון האָט דאָס ניט געאַרט. אדרבא, ער אַליין פלעגט אויך מיטלאַכן מיט זיי און אפילו אָפּלאַכן סיי פון זיך גופא און סיי פון זיין ביטערן מזל.

נאָר אַמאָל איז געווען אַנדערש. אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, ווי אַ וואַנט פון אַ דעמבענעם אַלמער, איז ער שטענדיק געווען אַ שטאָלצער מענטש. איז אויב עמיצער וואָלט אים אַמאָל געוואַגט זאָגן אַ קרומען וואָרט אפילו, אָ, אָ! ער וואָלט יענעם אַזוי פאַרפאָרן אין מאָרדע, אַז דער אָפּלאַכער וואָלט די ציינער ניט געקאָנט צוזאַמענקלייבן. אָבער היינט האָבן אים די צרות אַזוי דערשלאָגן, אַז ער איז ביי אַלעמען אין די אויגן געוואָרן אַזאַ נעבעכל איבער וועמען מען קאָן חוזק מאַכן.

ווען דער „גאָנער” האָט דערזען, אַז דייוו שווייגט, פינטלט אומבאַהאָלפן מיט די אויגן און בעט ביי אברהמלען אַ סיגאַרעטל, איז ער ביי זיך דרייסטער געוואָרן און אויך אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון אים:

— דייוועניו, ווי איך זע, פעלסטו דאָ אויס צו אַ מנין . . . איז אפשר זאָלסטו ריידן מיט אַ פּיסל און אָנהויבן זאָגן קדיש נאָך דעם באַלעבאָס. זעסט

דאָך, שוין אַזוי שפּעט און קאַמינסקי איז נאָך ניטאָ. אפשר, אַז ער איז געשטאָרבן . . . אסור אויב עס וואָלט געווען אַן עוולה, אַז דו זאָלסט ווערן זיין יורש, וואָלסטו דאַמאָלסט אונדז אויך געגעבן אַ געלעגנהייט עפּעס צו טאָן . . . ווייל ביי דעם גנב וועט אַלץ איינס קיינער ניט קאָנען פאַרדינען מער ווי וואַסער אויף קאַשע . . .

דייוו האָט דערפון געשמייכלט. נאָר אַזוי ווי ער איז ניט געווען קיין אַרומגעגאָלטער, האָט מען ניט געקאָנט וויסן צי זיין פּנים לאַכט, אָדער וויינט. די ברוינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, אויסגעזען ווי לענגלעכע מאַנדלען און דער גוטמוטיקער יונגערמאַן האָט געטראַכט, אַז מיט דער חברה איז אַ סך בעסער איידער מיטן ווייב אין דער היים. מען שפּאַסט. אַ „קיבעץ" אַהער, אַ „קיבעץ" אַהין — ס'איז פאָרט פריילעך. ווי זאָגט שלום־עליכם: „הוליע קבצן!" און אין דערהיים איז וואָס? . . . ווי נאָר ער עפנט די טיר, צעעפנט ציפּל איר פייערדיקן פּיסק:

— האָסט היינט עפּעס פאַרדינט? . . . פוילסט זיך; אַ בראָך זאָל דיר לייגן! . . .

און טאָמער שווייגט זי — האָט דייוו געטראַכט — דעמאָלסט איז נאָך ערגער! פון דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז פון ציפּלס שווייגן וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען, אַז סוף־כל־סוף וועט דער שטורעם אויסברעכן. אגב איז אים אַלעמאָל געווען שווערער אַריבערצוטראָגן איר שווייגן און דאָס האָט אים געקאָסט מער געזונט און האַרצווייטאק איידער זיין ווייבס גיפטיקע רייד, וואָס פלעגן שטעכן ביזן זיבעטן ריפּ.

אָבער, אַז דער „גאָנער" האָט זיך שטאַרק צוגעטשעפּעט און אָנגעהויבן צופּן ביי אַרבל, מיט דער זעלבער וואולגאַרער פראַגע, וואָס אברהמל: „צי דאָס ווייב האָט אים טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון בעט", איז דייוו געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און פאַרמאָסטן זיך אויף סאולן:

— פאַרשיוועך גאָנער! אויב דו פאַרמאַכסט ניט דעם חזירשן פּיסק, האַק איך דיר אויס דיינע פערדישע ציין! . . . דו לאַכסט, אַז לאַכן זאָלסטו מיט יאַשטשערקעס, און ביי מיר אין שטוב איז ניטאָ קיין ביסן־ברויט פאַרן ווייב מיטן קינד!

אַ ביסל אַ דערשראָקענער פון דייווס פּלוצימדיקן כעס און פאַר זיינע געזונטע הענט, האָט זיך סאול אָפּגעקערט אָן אַ זייט און פון וויטן גערעדט מיט דער זעלבער לאַכעדיקייט אין קול, וואָס פריער:

— זע נאָר, זע, ווי די קליפּע האָט זיך דאָס צעשריען אַ ביסל אויפן ניכטערן מאָגן? . . . מען טאָר שוין אפילו ניט שפּאַסן מיט אים! . . . און ביי וועמען פון אונדז אין דערהיים איז יאָ פאַראַן וואָס צום עסן? . . . וואָס מיינסטו, אַז דו ביסט דער איינציקער דאַשעק אין ראָטע? מיר איז דען בעסער פון דיר? אידיאָט! . . .

אברהמל דער „קאָרקן ציער" האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז צווישן די צוויי פריינט, וואָס זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי צוויי הענער פאַרן גיין אין מלחמה, זאָל קומען צו אַן אמתער קריגעריי און אפשר — צו פּעטש. האָט ער זיך אומבאַמערקט אַריינגעשטעלט צווישן די „הענער"



און גערעדט מער צו די אַנדערע אַרבעטער אַרום דעם פאַרב־געשעפט איידער צו דייוון מיט סאולן:

— איר הערט, חברה? אין די קומענדיקע יוניע וואַלן וועלן מיר אויסדערוויילן אָט די צוויי קלוגע קעפּ! עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דייוו מיט סאולן טראָגן די קעפּ זייערע אינדערוואָכן. זיי האָבן דאָס געדאַרפט בלויז טראָגן אין די שבתים און יום־טובים, ווי איך בין אַ ייד! . . .

אַן אַרבעטער, מיט קראַנקע, פאַררויטלטע באַקן פון פאַרב־סם, וואָס איז אים געקומען מיט יאָרן צוריק, האָט איבערגעשלאָגן אברהמלס חכמהנען זיך:

— קאָרקעלע גנב, אַ ניכפּה דיר אויף וועטשערע! מאַך אַ ווייל צו דעם אַפּטייק און לאָז דעם גאָנער ריידן, אַז ריידן זאָל ער פון פייער! אפילו דייוועניו איז דאָך קליגער פון דיר און וואָס אַרט דיך, אַז די צוויי „העלדן" וועלן זיך צעבוצקען? . . .

אברהמעלע האָט אים געוואָלט ענטפערן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. נאָר אין מיטן דרינען איז צום טראָטואַר צוגעפאָרן אַ נייער, שוואַרצער אויטאָמאָביל און אָפּגעשטעלט זיך. פון דאָרטן איז אַרויס אַ קליין, דאַר פאַרשווינדל, מיט אַ פייגן פּנימל און לאַנגן פאַרשפּיצטן נאָז, ווי דער שנאָבל ביי אַ וואָראָנע. דער פריערדיקער טומל פון די אַרבעטסלאָזע איז גלייך אָפּגעשטאָרבן. זיי זיינען געבליבן שטיין הכנעהדיקע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך: צולויפן צום אויטאָמאָביל, אָדער ניט.

דאָס קליין געוויקסיק מענטשל האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, ווי פאַר אים וואָלט דאָס קיין נייעס ניט געווען. בלויז זיינע דינע ליפּן האָבן, פון געוואוינהייט וועגן, אַרויסגעוואָרפן צוויי סקאַרבאָווע, אַמעריקאַנער ווערטער אין דער לופטן: — האַלאָו, באָיעס! . . .

— גוד מאָרנינג, מיסטער קאַמינסקי! — האָבן אים די בעל־מלאכות געענטפערט מיטאַמאָל, ווי אַ גוט איינגעשטודירטער כאָר זייער דיריזשאָר, און דערביי געוואָרפן אַזעלכע בעטנדיקע בליקן, אַז דער באַלעבאָס זאָל דאָס באַמערקן, רחמנות האָבן און געבן אַ טאָג־אַרבעט.

אָבער קאַמינסקי האָט דאָס ניט באַמערקט. פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ בינטל מיט שליסלען, געלאַסן צוגעגאַנגען צו דער פאַרשלאָסענער טיר פון זיין פאַרב־געשעפט. אין אַ פאָר רגעס אַרום האָט ער זי אויפגעעפנט, אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן, אַז דער געוועלב זאָל מאַכן אַ רייכערן איינדרוק און צוריק אַרויס צו די אַרבעטער אין דרויסן.

מיט אַ שפּיץ־אויג האָט ער יעדן איינעם באַטראַכט פון אַלע זייטן. מיט די בליקן באַטאַפּט זייער גבורה, ווי פערד אויפן מאַרק און אַלץ געוואָלט טרעפן: ווער פון זיי וועט אים קאָנען געבן אַ בעסערן טאָג־אַרבעט . . . דערנאָך האָט ער אַ וואונק געגעבן צו עטלעכע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַריין אין קראָם און צו די אַנדערע געזאָגט, אויף ענגליש פאַרשטייט זיך:

— סאָרי, באָיעס. דאַטס אָלל פאָר טודעי! . . .

צווישן די „גליקלעכע" איז אויך געווען דייוו. אויף זיינע שפּיץ־באַקן האָט זיך צעגאָסן אַ רויטלעכע, פריידיקע פאַרב. די אויגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט זיכערקייט און גלויבן, אַז אַלץ איז נאָך ניט פאַרלוירן. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן האַסטיקער און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי פון יעדן אבר האָט אַרויסגעזונגען אַ ציטערדיקער געזאַנג: „איך האָב אַ דזשאַב!"

די קראָם איז געווען אַ שמאָלע און אַ טיפע. פון פאָרנט אָן זיינען, ביי ביידע זייטן, געשטאַנען אָנגעפּיקעוועטע פּאָליצעס מיט כלערליי קאַנען און קענדלעך פאַרב, פאַרשיידענע סאָרטן „שאַרלעק" און „וואַרניש". אויף דער ערד — גאַנצע בערג מיט פאַרמאַכטע עמער פאַרב, סיי ווייסע און סיי קאָלירטע. צום בלעכערנעם סופיט האָבן זיך געריסן צוויי סטויגן מיט „פלאַסטער" און קאַלך. אין איין ריזיקער פאַס האָט זיך געפונען אויל און אין דער אַנדערער — בענזין. אין אַ לאַנגן, גלעזערנעם שוי־קאַסטן זיינען געלעגן „סטיפּל־באַרשטן", סופיט־באַרשטן, ווענט און „האָלץ" בערשטלעך; ברייטע און שמאָלע „פּודי־מעסערס", „טראָלן" מיט „האַלטערס" און אַלץ, וואָס אַ פאַרבער דאַרף האָבן צו דער אַרבעט.

ביים סאַמע עק־קראָם איז געווען דער „שאַפּ". דאָ זיינען געשטאַנען און געוואַרט אַרום אַ צענדליק אָפענע עמערס מיט ווייסן פאַרב, וואָס קאַמינסקי האָט נאָך נעכטן אָנגעגרייט סיי פאַר די אַלטע „הענט", וואָס האָבן שוין דאָ געאַרבעט פון לאַנג, סיי פאַר די נייע בעל־מלאכות, וואָס ער האָט היינט געזאָלט דינגען. נעבן יעדן עמער: אַ ברייטע באַרשט צום פאַרבן ווענט און אַ שמאָלע בערשטל צום „פּלעטן" און „אַנעמלען" געהילץ. אַביסל אָן אַ זייט אַ שטויס מיט ברעזענטן און צוזאַמענגעלייגטע לייטערס.

אַז דער באַלעבאָס איז פאַרטיק געוואָרן מיטן ריידן צו די אַנדערע פיר אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פון די „גליקלעכע" צו גיין אַרבעטן, האָט ער צוגערופן דייוון צו זיך און מיט אַ פאַרטיקן שמייכל אין זיינע שמאָלע אויגעלעך געזאָגט:

— זעץ זיך אַוועק אַ ווײלע, דייוו, וואָס שטייסטו פונוויטן ווי אַ פרעמדער?

דייוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שלאַבערדיקן שטול ביים וואַנט. אים האָט טאַקע ווי געטאָן די פיס פונם לאַנגן וועג און פון דעם שטיין און וואַרטן מער ווי אַ האַלבע שעה נעבן פאַרב־געשעפט. קאַמינסקי האָט דערווײלע אַרויסגענומען אַ פעקל סיגאַרעטן פון דער הויזן קעשענע, אים אויך געגעבן אַ סיגאַרעטל, פאַררויכערט און צוגעטראָגן צו דייוון די אָנגעצונדענע שוועבעלע:

— דו ווייסט דאָך, דייוו, אַז איך בין אַן ערלעכער מענטש, אַ יע?...

— נו, געוויס! — האָט דייוו פאַרצויגן אין זיך דעם רויך פונם סיגאַרעטל, אַרויסגעלאָזט בלויע, קײַלעכדיקע חופּה־רינגעלעך רויך אינדערלופטן און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָרום קאַמינסקי האָט אים פּלוצים געפרעגט די דאָזיקע פראַגע. ווײלע, וואָס עפעס אין מיטן דרינען „ערלעכער"?... און וואָס פאַר אַן ערלעכער איז ער געווען?... דייוו האָט דאָך אים געקאָנט פון אַמאָל נאָך, ווען ער האָט דאָ געאַרבעט עטלעכע וואָכן. אָבער, זאָגן קאַמינסקין דעם אמת אין פּנים אַריין, האָט ער איצט פאָרט ניט געקענט.

— נו, איז הער זיך איין, דייוו — איז קאַמינסקי געווען צופרידן פון יענעמס ענטפער און גלייך אָנגעהויבן ריידן וועגן תכלית — איך האָב אַריינבאַקומען אַ סך אַרבעט, פון אַ גרויסער ריעל־עסטייט קאָמפּאַניע. איז אויב דו וועסט זיין אַ „גוד־באָי", וועסטו ביי מיר קאָנען אַרבעטן אפילו אַ גאַנץ יאָר און מאַכן אַ פיינעם לעבן...

דער אַרבעטסלאָזער האָט זיך מחיה געווען מיטן סיגאַרעטל. דער רויך האָט פאַרטושט זיין הונגער. דייוו האָט אים געזשאַלעוועט אַרויסלאָזן פון מויל און מיט שרעק און האַרץ־ווייטאַק געזען, ווי מיט יעדן גלי פון די טאַבאַק־פונ־



קעלעך ווערט דער סיגאַרעטל אַלץ קלענער און קלענער. פונדעסטוועגן האָט ער אים אויף אַ ווײלע אַרויסגענומען פון צווישן די ליפּן און דערפילט, ווי דער סיגאַרעטל האָט אַ ברי געטאָן די פינגער:

— וואָס הייסט?... געוויס וועל איך זיין אַ „גוד־באָי". אָבער איך פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט, מיסטער קאַמינסקי...

קאַמינסקי האָט אַ דראָבנעם הוסטל געטאָן און נערוועז דערשטיקט מער ווי אַ האַלב פון זיין ניט דעררויכערטן סיגאַרעטל אין אַ בלעכערנער אַש־טעצעלע:

— אויב דו פאַרשטייסט ניט, וועל איך דיר געבן צו פאַרשטיין. איך קאָן דאָך דיר און דו קאָנסט מיר אויך, וועל איך ריידן צו דיר אָפענע רייד: דו ביסט דאָך אַ יוניע מאַן און ביי מיר איז אַ שטרענגער יוניע שאַפּ. נאָר צאָלן דעם פולן יוניע געהאַלט קאָן איך ניט. איך קריג אויך ניט קיין סך פון דער קאָמפּאַניע... איז וויפל ווילסטו אַ וואָך?...

די רויטלעכע פאַרב איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן פון דייווס שפּיץ־באַקן און ער האָט דערפילט, אַז ער איז ניט געזעסן ביי קאַמינסקין אין פאַרב־געשעפט אויף אַ שטול, נאָר ערגעץ צווישן הימל און ערד, אויף אַ גרויסער שפּינוועבס, וואָס וועט באַלד צעגיין פון אונטער אים. ער וועט אַראָפּפאַלן אין אַזאַ טיפן אָפּגרונט, פונוואַנען ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען אַרויסקריכן.

אמת, דייוו האָט שוין איבער זעקס חדשים ניט געהאַלטן קיין באַרשט אין האַנט און מיטן ווייב און קינד געפּוכניעט פון הונגער. דאָך האָט ער די יוניע איינשטעלונגען קיינמאָל ניט איבערגעטראָטן און ניט געאַרבעט פאַר ווינציקער איידער די יוניע פּרייז האָט געלויטעט. דעריבער האָט ער איצט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז די האָפענונג צו באַקומען אַרבעט ביי דעם מיסטער קאַמינסקין, ווערט מיט יעדע רגע אויסגערונען פון צווישן די פינגער. אָבער, דייוו האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, פּרובירט מזל און מיט געבעט אין קול אָנגעהויבן ריידן:

— מיסטער קאַמינסקי, איך מוז קריגן די אַרבעט. אין הויז איז נישטאָ וואָס צו עסן און מיין קינד וועט חלילה אַוועקפאַלן פון הונגער און איר ווייסט דאָך, אַז איך בין קיין „קאַלאַמבוסעס שמירער". איך וועל אייך מאַכן די בעסטע „גרעפּטקעס" אין וואָס פאַר אַ „דעזיין" איר וועט וועלן. איך קאָן „גריינען", „גלעזן" און „דעקאָרירן". היינט פּלאַסטערן גאַנצע ווענט און סור־פיטן איז אַ הונט?... איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל אַרבעטן שנעלער ווי אַלעמאָל און געבן אַ גרויסן טאָג־אַרבעט! איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. „פּליז", מיסטער קאַמינסקי, גיט מיר דעם „דזשאַב"!...

דער באַלעבאָס האָט געקוקט אויף דייוון מיט אַן איראָנישן שמייכל אַרום זיינע דינע ליפּן. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס אָט שטייט אַנטקעגן אים אַ הויכער, געזונטער מאַן, מיט הענט, ווי אמתע לאָפּעטעס און בעט זיך: „פּליז, מיסטער קאַמינסקי, גיט מיר אַ דזשאַב!" טיף אין האַרצן האָט ער אָפּגעלאַכט און איבערגעקרימט יעדן וואָרט, וואָס דער אַרבעטסלאָזער האָט מיט ווייטאַק אַרויסגערעדט. נאָר ביי זיך אויפן פּנימל האָט ער גאָר אַרויפגעצויגן אַן ערנסטע מינע:

— גוט, איך וועל דיר געבן דעם דזשאַב. אָבער וויפל ווילסטו אַ וואָך?...

אַ ווײלע האָט זיך דייוו געשלאָגן מיט דער דעה. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און אַלץ ניט באַנומען דעם גאַנצן זין פון קאַמינסקיס רייד:

— איר ווייסט דאָך, פון אַמאָל נאָך, אַז איך בין קיינמאָל ניט געגאַנגען

אַנטקעגן די יוניע באַשלוסן און ניט געאַרבעט פאַר ווינציקער ווי די יוניע־פרייז לויטעט. נאָר אַזוי ווי איר זאָגט, אַז איר קריגט ניט גענוג באַצאָלט, וועל איך אייך בעסער געבן אַ גרעסערן טאָג־אַרבעט אײדער אַראָפּלאָזן פון מקח . . .

דאָס מענטשעלע איז אויפגעקאָכט געוואָרן. אַ קלײנינקער און אַ דאַרינקער, האָט ער אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן קראָם און צעלאַכט זיך מיט אַזאַ מין פאַרגײענדיק געלעכטערל, ווי אַ היענע, און אויף זײנע דינע ליפּן האָט זיך אַ ווײסער שוים באַוויזן:

— פאַר דעם געלט קאָן איך דאָך קריגן צוויי אַרבעטער און בעסערע אײדער דו ביסט! . . . סײדן דו שפּאַסט, צי דו ווילסט ניט אַרבעטן? . . . איך וועל דיר געבן פינף און צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. נאָר אויב דו ווילסט ניט, וועל איך באַלד אַרײנרופן אַן אַנדערן אויף דײן אָרט! . . .

בײ דײוון האָבן די בלוטן גענומען זידן, שלאָגן אין די שלײפן. איצט האָט ער שוין געוואוסט אויף קלאָר, אַז דער אינסטינקט האָט אים ניט אָפּגענאַרט, אַז דאָ וועט ער ניט אַרבעטן, און כאָטש דער הונגער האָט אַרויסגעשריען פון יעדן אבר, האָט ער אים ווי מיט פויסטן דערשטיקט בײ זיך אין האַרצן און ניט אונטערגעגעבן זיך. אדרבא, אויף דער אויבערפלאַך פון זײנע געדאַנקען איז מיטאַמאָל גאָר אַרויפגעשוואומען דער אײגענער מענטשלעכער „איך", וואָס קײן שום הונגער האָט ניט געקאָנט גובר זײן. איצט איז דײוון ניט אַזוי געגאַנגען אין באַקומען אַ טאָג־אַרבעט, ווי אין ווען אָנפירן די שפּיל ווײטער אַביסל און זען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען:

— איז ווען קאָן איך גײן צו דער אַרבעט? . . .

קאַמינסקי האָט אויף קײן זאַך ניט פאַרדעכטיקט. געמײנט, אַז ער האָט שוין דעם אַרבעטער אײנגענומען, אַז דײוו איז אײנגעגאַנגען אויף מער ווי אַ האַלבן שניט אין די שכירות און אַ צופרידענער געענטפערט:

— קאָנסט גלײך גײן צו דער אַרבעט. אָבער . . . דו דאַרפסט מיר אַפריער געבן אַ משכון . . .

— וואָס ?! — האָט דײוו אויסגעשריען אַ דערשיטערטער און אָנגעקוקט דעם באַלעבאָס ווי אַ משוגענעם. אויף אַזאַ ווילדן אָנבאָט האָט ער זיך ניט געריכט און געפרעגט — וואָס פאַר אַ משכון? . . . איך האָב נאָך אַזאַ זאַך קײנמאָל ניט געהערט! . . .

אַ געלאַסענער, מיט קאַלטבלוטיקײט אין קול, האָט קאַמינסקי אַרויסגענומען אַ פרישן סיגאַרעטל און פאַררויכערט:

— דו האָסט אַ גראָבן קאָפּ! בײ מיר איז אַ „סטריקט יוניע שאַפּ" און דו ביסט אַ יוניע־מאַן. דײנע שכירות זײנען זיבן און פופציק דאָלער מיט פופציק סענט אַ וואָך. הײנט, אַז דו קריגסט בלויז פינף און צוואַנציק — בלײבט זיבן און צוואַנציק דאָלער מיט אַ האַלב. איז גיב מיר איצט, אַפריער, די זיבן און צוואַנציק דאָלער מיט די פופציק סענט, וועסטו גלײך קאָנען גײן צו דער אַרבעט. אַלע פרײטיק וועל איך דיר אויסצאָלן דעם פולן געהאַלט, לויט די יוניע אינסטרוקציעס. אָבער אין די מאָנטיקס, אַז דו וועסט קומען צו דער אַרבעט, וועסטו דאַרפן צוריקברענגען די רעשט פונם געלט, פאַרשטײסט? . . .

דײוון האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אינם גרויסן דלות בײ זיך אין שטוב און נאָכאַמאָל אַפּעלירט צו קאַמינסקיס געוויסן:



— מיסטער קאַמינסקי, ווען איך וואָלט געהאַט ניט נאָר זיבן און צוואַנציק דאָלער, נאָר זיבן און צוואַנציק סענט, וואָלט איך אַרײן אין אַ קאַפּײ און אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע, צי געקויפט אַ ברויטל פאַרן ווײב און קינד צו דערהאַלטן זײ די נשמות. נאָר אויב איר ווילט דוקא אַ משכון — האָט ער פון קעשענע אַרויסגעצויגן זײער אַן אַלט זײגערל, וואָס פלעגן זיך נײערהײט פאַרקויפן אין די אַפּטײקן אפילו צו דרײ דאָלער א שטיק — איז נאַט אײך! מער האָב איך גאָרניט! . . .

קאַמינסקיס קוקערס האָבן געכאַפּט אַ גיכן בליק אויפן פאַרזשאַווערטן און אָפּגעריבענעם זײגערל און זײן פײגן־פּנימל איז בלויז געוואָרן פון כעס. די גאַנצע פיזיאָנאָמיע זײנע האָט זיך אויסגעקרימט און אָנגענומען די פאָרמע פון אַן אָפּגעטראָגענער, צעקנײטשטער מאַסקע, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אויפן מיסט און קײנער וויל דאָס ניט אויפהויבן:

— ווי וואַגסטו אָפּצולאַכן פון מיר, דו שנאָרער ?! אַרויס פונדאַנען !! . . .

אין דײווס אויגן האָבן זיך צוויי שטורקאַצן אָנגעצונדן. די הענט האָבן זיך פאַרבײלט אין צוויי מעכטיקע פויסטן. אַ רגע האָט ער באַטראַכט דאָס מיאוסע נפשל, געוואָלט אויפהויבן אַן עמער־פאַרב און איבערקערן קאַמינסקין אויפן קאָפּ אַזוי, אַז יענער זאָל דערנאָך בלײבן שטײן, ווי אַ פאַרגליווערטער שטיק ווײסער קאַלך. אָבער אַן אינערלעכער כוח, אַ כוח, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אַלע הונגערס און נקמות — האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. האָט דײוו צוריק אויפגעהויבן דעם רענצל מיט געצײג פון דער ערד, אַ ביטערן לאַך געטאָן דעם באַלעבאָס אין פּנים אַרײן: „דו פאַרך אײנער!" און מיט אַ צופרידענעם געפיל פון דערהויבונג און זעלבסטווירדע איז ער מיט גיכע טריט אַרויס פונדאַנען.

---

**מאַטעס דײטש**

## פאַפּיר — דו גאָט פון אַלע געטער

(אַ נײע תחינה פון שרה בת־טובים'ס אוראײניקל)

וועֶר קומט צו דיר ניט אָן אין זײן אײגענעם גורל
געקלעמט? די גרעסטע שרעק ביסטו, אָ פאַפּיר!
וועֶר זיצט ניט געקנוילט איבער דיר אין קלעמגרויל
פאַרצוקט און גאַרט ניט צו וויסן וואָס אויף ד י ר

טראָגט אום פּאַטום'ס פּסק פון לעבן? טויט? אָ, פאַפּיר!
מעכטיק, גערעכטיק ביסטו אין אַלע דײנע געשריבענע פאַזן;
דען וועֶר בוקט און רוקט זיך ניט אין שיפלות פאַר דיר?
ביסט דער לעצטער גאָט פון געטער אין אַלע דײנע פראַזן . . .

מלחמות דערקלערט מען מיט דיר
און אָפּשטעלן זיי ווער שטעלט אָפּ
אויב ניט דו, געחתמעט פּאַפּיר ?!
דו, קרוין פון ציוויליזאַציעס קאָפּ . . .

לעבן, טויט, ליבע — ס׳גאַנצע דאָברע מזל ביי דיר.
געזעץ, קונסט, אומשטערבלעכקייט ? אוודאי !
טאָ זיי גוט צו אונדז, קוואַל מיט תפילות, פּאַפּיר !
מיר גלויבן פאַנאַטיש אין דיר, פּאַפּירענער א ל - ש ד י . . .

מיר בלאָנדזשען אום איבער דיינע ווייסע פליינען
און פאַרלירן זיך אין דיינע מוילמייליקע מדבריות ;
לאָז ניט צעטריקענען אונדזער מוח פון זאַמדיקע מיינען
וואָס צעהויבן די שטויבן אין כלערליי פיורעם . . .

דורך דיר אונדזער געבעט און געשריי צו די הימלען ;
אויף דיין וואונקבאַפּעל ברענט מען אוים פעלקער ;
טאָ וועק-אויף דעם שלום ! לאָז אים ניט דרימלען !
שטעל אויף די פיס, אין די תפיסות, די מחנות וועלקער . . .

אָן דיר, באַטינטיקט פּאַפּיר, בלייבן מיר פאַרוואָרלאָזט
און נישטיקער פון דער בלאָטע אויף אונדזערע שיך.
דו האָסט אונדז אַרויפגעבראַכט פונם דזשונגל פראָסט
און פּשוט ; טאָ פּלאָנטער-אויף מענטשס פילזיכיקן א י ך . . .

## ז י ך - פּ אָ ר ט ר ע ט

אַ צאַרט ייִנגליש פּנים ;
אַ קאָפּ גרויוואָלקנדיקע קרויזן ;
אויגן, פייערלעך פאַר נאַראָנים . . .
אין האַרצן ברויזן דיכטערשע שליימויזן.
ביים רעדן אַ סופער-כעסן —
געדאַנקען, דונערבליצן שטורעמען אומגעריכט :
יידיש-וואָרט, ליד, קיום-מענטש רייסן,
בייסן שטאַרק פ א ר ז י כ י ק ט זיין אייגנקייט געזיכט



ד״ר ח. מ. ראָטבלאַט

# פון חשבון צו חשבון

(פראַגמענטן)

— א —

## דער שבת גוי

דער שרייבער פון די שורות איז ניט קיין אידעאָלאָגישער יידישיסט, אָבער אַז מ׳פאַרשעמט און מ׳באַליידיקט עפנטלעך אונדזער פאָלקס לשון, טוט מיר וויי און איך פיל עס ווי אַ פערזענלעכן פּאַטש אין פּנים. אַזאַ געפיל האָט מיר באַהערשט ביי אַ פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען מוצאי שבת דעם צענטן נאָוועמבער אין אַטלעטיק קלוב, אָרגאַניזירט פון אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער שטאָט.

לאָמיר איך איבערגעבן די פאַקטן : די פאַרזאַמלונג איז געווען געווידמעט דעם זיבעציק־יאָריקן יובילעאום פון דעם באַליבטן פּרעמיער פון מדינת ישראל, דוד בן־גוריון, וועלכער האָט נאָר וואָס באַקרוינט דעם יידישן נאָמען איבער דער וועלט מיט דעם שנעל־בליציקן נצחון איבער דעם פאַרביסנסטן שונא פון מדינת ישראל בפרט און פון דער פרייער וועלט בכלל, דיקטאַטאָר נאַצער.

דער עולם איז געווען אַ משלנודיקער : חברים פון דער פועלי ציון פאַרטיי, מיט דעם פאָרזיצער פון דער שטאָטישער עקזעקוטיוו בראש; חברים פון פאַרבאַנד מיט זייער פאָרזיצער; און חברות פון דער פּיאָנערן באַוועגונג מיט זייערע באַאַמטע בראש. די אַלע אָרגאַניזאַציעס טוען גלענצנדע אַרבעט און פּרעטענדירן צו האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אונדזערע קולטור אוצרות און צו אונדזערעביידע לשונות — העברעאיש און יידיש. דאַרף דאָך דער שכל הפשוט זיי דיקטירן ניט צו פאַרשעמען עפנטלעך ביידע לשונות, און כאָטש באַגריסן דעם העלד פון ישראל מיט אייניקע העברעאישע ווערטער און טאַקע האַלטן כאָטש אַ קורצע רעדע אויף יידיש, וואָס דער עולם וואָלט זיכער בעסער פאַרשטאַנען ווי די ענגלישע דרשות . . .

אָבער ווי ס׳וויזט אויס האָבן זיך די שקלאַפערישע אַסימילאַציע טענדענצן טיף פאַראַנקערט אין אונדזער באַוואוסטזיין, אַז אפילו יידיש ריידנדיקע קרייזן שעמען זיך מיט זייער לשון, און קיינער פון אונדזערע מנהיגים גיט ניט קיין פּיפּס, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט.

וועט איר זאָגן : אפשר איז די לאַנד שפּראַך אַ סגולה פאַר „ביזנעס", און כידוע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן געשעפט, איז מען מותר אויף פּרינציפּן . . . מוז איך מגלה זיין אַ סוד, אַז דער אָפּרוף פון עולם איז ניט געווען קיין באַגייסטערטער. אמת, מ׳האָט געקויפט באָנדס, אָבער מ׳האָט אָפּגעפטרט דעם ענין מיט שהיה פּיה . . . יידן וואָס קענען קויפן אַ טויזנט דאָלערדיקן באַנד האָבן יוצא געווען מיט אַ מאה. און כ׳האָב געהאַט דעם געפיל, אַז עטלעכע האַרציקע יידישע ווערטער וואָלטן געבראַכט בעסערע און גרעסערע רעזולטאַטן, אָבער מ׳וועט דאָך זיך ניט פאַרשוואַרצן דעם פּנים מיט אַ יידישער רעדע, פּע, ס׳איז ניט אין דער מאָדע ! . . .

איז אויף להכעיס קומט דער שבת־גוי, דער איטאַליענישער זינגער, וואָס

מ׳האָט איינגעלאַדן און טוט אָפּ אַ שפּיצל, און זינגט אַ יידיש־חסידיש פאָלקס לידל מיטן אמתן חסידישן ברען און התלהבות. דער עולם האָט זיך אָנגע־וואַרעמט און געשטורעמט, אמת יידישלעך, און געפאָדערט מער יידישע נגונים. ווי זאָגט דער תלמוד, אַז יידן האָבן אַ שטיקל זכיה ביים רבונו של עולם, ווערט זייער אַרבעט געטאָן דורך אַנדערע (זכה מלאכתם נעשית ע״י אחרים). האָט טאַקע איוואַן געבלאָזן שופר. זאָל זיין פון אַן איטאַליענער זינגער, אַבי צום לעבן!

דער שרייבער פון די שורות האָט פריוואַט פראָטעסטירט צום פאָרזיצער פון דער פאַרטיי, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פאַרזאַמלונג, האָט ער אים ירגזונ־דיק געענטפערט, אַז . . . גאַנצע פיר מענטשן פון דער פאַרזאַמלונג פאַרשטייען ניט קיין יידיש, און צוליב זיי איז דאָס יידיש לשון געווען טריפה חזיר! אמתער קאָזאַצקער יושר!

(דאָס אייגענע האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים בערל לאקער קבלת פנים, דעם 6טן דעצעמבער. — רעד.)

— ב —

## פאָמעראַנצנזאַפט און יידישע פּאָעזיע

איך האָב געהאַט אין שיקאגא אַ וויטן שכן און באַקאנטן, אַ פלאַמפייער־דיקער יידישיסט, אש להבה. פלעג איך זיך אין זיין געזעלשאַפט טאַקע היטן די ביינער, אַז כ׳זאָל חלילה ניט געשטרויכלט ווערן מיט מיין צונג און זאָגן „אָרענדזש דזשוס״ במקום פאָמעראַנצנזאַפט. טאָמער בין איך נכשל געוואָרן און זיך באַנוצט מיט אַ ניט־כשרן וואָרט, האָב איך אָנגעוואוירןביידע וועלטן מיטאַמאָל און בין געווען, אין זיינע אויגן, אַ יידיש־פרעסער . . .

מיינט איר דאָך, אַז אַזאַ פלאַמפייערדיקער יידישיסט האָט געקויפט אַ יידיש בוך, און טאַקע אים געלייענט אויך. אסור צי איר האָט געטראָפן! אָט הערט אַ מעשה: אַ גאָר באַדייטנדיקער יידישער דיכטער האָט אָפּגעדרוקט אַ ניי בוך לידער אין פאַרלאַג „אַליינעניו״, און זיך טאַקע פאַרשולדיקט איבער די אויערן . . . בדלית ברירה, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה צו פאַרקויפן זיין בוך, ווייל די פריינט האָבן געפאָדערט, אַז ער זאָל באַצאָלן די חובות. איז דאָך שיקאגא אַן עיר ואם בישראל, איז ער געקומען קיין שי־קאגא. מילא האָט מען געקלאַפּט טרעוואָגע, און טאַקע פאַרקויפט אַ היפּשע צאָל ביכער.

טרעף איך זיך מיט מיין פריינט, דעם פלאַמפייערדיקן יידישיסט, און פרעג אים אַן אומשולדיקע קשיה: ווי געפעלן אייך דעם פלוני־אלמונ׳דיקן דיכ־טערס נייע לידער? ענטפערט ער מיר: „עט, בע, שטרוי און קלאָטשע, ס׳איז ניט זיין אַמאָליקע פּאָזיע!״ און בשעת מעשה האָט ער זיך צערויטלט ווי אַ נאַאיוו מיידל נאָך איר ערשטן קוש . . .

איז מיר די מעשה געוואָרן אַביסל פאַרדעכטיקט. האָב איך אים צוגע־קוועטשט צו דער וואַנט און געפרעגט: געפעלט אייך טאַקע ניט זיין פּאָעזיע, וואָס האָט איר אויסצוזעצן קעגן איר? האָט ער זיך טאַקע צערויטלט ווי אַ רויטער בוראַק און אָנגעהויבן שטאַמלען מיט דער צונג:

„כ׳וועל זיך מודה זיין פאַר אייך — איך האָב דעם בוך ניט געקויפט און ממילא ניט געלייענט. גיי באַצאָל אַ פינפערל פאַר אַ בוך לידער און שטעל עס



אין ביכער שראַנק! וויניק ביכער נישט־געלייענטע האָב איך דאָרטן? בין איך טאַקע נישט געגאַנגען צום קבלת פנים פון דיכטער און פטור אַן עסק! אמת, ער האָט מיך אָפּגערופן און געוואָלט צוקומען, האָט מיין פלוניתטע, זאָל לעבן, געזאָגט, אַז כ׳בין ניטאָ אין דער היים!״

פילנדיק זיך אַ קאַפּעטשקע שולדיק, האָט ער צוגעגעבן: „פאַרשטייט איר מיך, ווינציקער ווי אַ פינפערל פאַסט נישט פאַר מיר אים צו געבן פאַר דעם בוך, און ווער האָט עס בכלל צייט, היינטיקע צייטן, פאַר פּאָעזיע, און ווער דאַרף זייערע ביכער? מילא, איר האָט אַ סך צייט, אָבער איך בין דאָך אַ געשעפטסמאַן און אַ כלל־טוער, איז ווער האָט עס צייט פאַר פּאָעזיע?!״

מיינט איר דאָך, אַז דאָס איז נאָר אַ יידישיסטישע חולאת, בין איך אייך מגלה אַ סוד, אַז דאָס איז אויך אַ העברעאישע קראַנקהייט. אפילו העברעאישע לערער זיינען אָנגעשטעקט מיט איר. ס׳איז נעבעך אַ מכת מדינה, רחמנא לצלן. איז טאַקע אונדזער קולטורעלער מצב בשפל המדרגה, און די עם־הארצות שאַל־טעוועט און הערשט ווי פאָקריווע אין מדבר . . .

און פון עם־הארצות צו גויאישקייט איז נאָר אַ שפּאַן . . .

— ג —

## פראָטעסטאַנטיש יידישקייט

כמעט אַלע סאָציאָלאָגן און פובליציסטן זיינען מסכים, אַז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע וועט זיך קאָנצענטרירן אַרום דעם טעמפּל, וועלכער וועט ווערן דער נערוו־צענטער פון יידישן ישוב. ליידער, איז דאָס אַ טרויעריקער אמת: מיר ליידיקן זיך אויס פון אונדזערע קולטורעלע ווערטן און מיר פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אינהאַלטסלאָזער רעליגיעזער מינדערהייט, צעשפּאָלטן אין דריי דענאָמינאַציעס . . .

וואָלט דאָך דער שכל הישר געדאַרפט באַווירקן אונדזערע ראַביים, די אָפיציעלע שומרי החומות, אַז די שול זאָל זיין פאָלקסטימלעך יידישלעך, און טאַקע געטריי צו די יידישע היסטאָרישע טראַדיציעס, בכדי זי זאָל ניט פאַר־לירן איר נאַציאָנאַלן פּרצוף. איז, ליידער, די שול אַ פעסטונג פון פראָטעס־טאַנטישער מאַלפעריי און אימיטאַציע. לאָמיר אייך געבן אייניקע משלים: דער רב האָט אין לויף פון דער יידישער געשיכטע קיינמאָל נישט אויסגעפירט קיין פריסטלעכע פונקציעס — ניט ער האָט געבענטשט די עדה, דאָס האָבן געטאָן די כהנים ביים דוכענען. דער רב איז געווען אָדער געדאַרפט זיין דער גרעסטער תלמיד חכם אין זיין קהלה און ממילא דער פוסק אין רעלי־גיעזע פראַגן, וועמענס וואָרט איז געווען געזעץ. ער איז געווען דער גייסטיקער פירער פון זיין געמיינדע, אַ מוסטער און אַ ביישפּיל מיט זיינע גוטע מעשים פאַר אַלע יידן, פון אַלע שיכטן און קלאַסן.

קומט אַריין אין אַ טעמפּל, אַ רעפאָרמירטער אָדער אַ קאָנסערוואַטיווער, שלאָגט אייך צום האַרצן פון עקל ניט דעם ראַביס עם־הארצות, נאָר דער עיקר זייער נאָכמאַלפעווען די גלחישע שמד־שטיק און די פראָטעסטאַנטישע מנהגים: „סערוויסעס״ מוזן זיך פאַרענדיקן מיט דעם ראַביס „בענעדיקשאַן״ (ברכה). אויב ניט, ווער ווייסט וואָס קאָן, חלילה, פּאַסירן מיט די הייליקע

שפּעלעך, די מתפּללים. די בר־מצוה צערעמאָניע פאַרענדיקט זיך מיט דער רעציטאַציע פון דער ברכה פון די כּהנים; און דער ראַביי לייגט, רעציטירנדיק, אַרויף זיין רעכטע האַנט אויף דעם בר־מצוה בחור׳ס קאָפּ און פאַרגלאָצט גלחיש די אויגן צום הימל און בענטשט אים.

די אמתע פאָלקס־אינסטיטוציע, דער אַלטמאָדישער בית המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „טשאַפּל״; די איינציקע יידישע ספרים זיינען: דער סידור און אַ חומש, קיין אַנדערע יידישע ספרים זיינען נישט בנמצא. די עם הארצות פּרוכפּערט זיך, וואַקסט און שטייגט און שאַלטעוועט אין אונדזער לעבן. מיר קייקלען זיך טיף אין סאַמע תהום פון אַסימילאַציע. און די אַמאָליקע יידישע שול, וואו יידן האָבן אויסגעגאָסן זייער האַרץ אין אַן עת צרה און געפונען דאָרטן טרייסט און האָפענונג, איז ניטאָ מער. — דער אַמאָליקער יידישער גייסטיקער צענטער, דער בית המדרש, איז איצט אויסגעליידיקט פון יידישן גייסט, תורה און חכמה. שיינע פּאַלאַצן, נאָר די שכינה שוועבט ניט אין זיי.

אַנומעלט האָב איך אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ אויף דער ירידה פון די שולן, אַרויסגייענדיק שבת פון אַ טעמפּל מיט אַ באַוואוסטן יידישן דערציער פון אַמעריקע, וואָס פאַרנעמט איצטער אַ זייער חשובן פּאָסטן אין ירושלימער אוניווערסיטעט; האָט ער מיך אויסגעהערט מיט אַ זיפץ און מיר רואיק געענטפערט מיט אַ שאלה: „וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו פּראָטעסטאַנטיש יידישקייט?״ — קורץ און שאַרף! . . .

— ד —

## אַ שטילער און באַשיידענער יובל

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב האָט געפייערט גאָר עניוות׳דיק זיין דרייסיק יאָריקע עקסיסטענץ. איז אַ שאָד וואָס דער ברייטער יידישער עולם האָט ניט קיין חלק גענומען אין דער פייערונג.

דער יידישער קולטור קלוב אין לאָס אַנגעלעס איז דאָס איינציקע אמתדיקע קולטור ווינקעלע אין שטאָט, וואו ס׳קלאַפּט נאָך דער דופק פון יידישן לעבן. מעגן זיך די „קולטורעלע״ פּוסט און פּאַסטניקעס און גייסטיקע סנאָבן זיך באַציען צו אים מיט ביטול, וועלן זיי ניט פאַרמינערן אויף אַ האָר זיין חשיבות און באַדייטונג. אַ גרויסער שאָד וואָס זיינע וועכנטלעכע לעקציעס זיינען ניט סיסטעמאַטיזירט און טראָגן אַ צופעליקן כאַראַקטער. דער קולטור קלוב וואָלט, לויט אונדזער מיינונג, זיך געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן יידישן פאָלקס אוניווערסיטעט, וואו סיסטעמאַטישע ציקלען פון לעקציעס זאָלן געגעבן ווערן איבער פאַרשיידענע צווייגן פון יידישער קולטור פון אַלע דורות. אַזעלכע קורסן וואָלטן באַרייכערט דעם יידישן עולם און פאַרטיפט זיינע קענטענישן און ממילא אויפגעהויבן זיין קולטורעלן ניווא. דער קולטור קלוב וואָלט אויך געדאַרפט אָרגאַניזירן קורסן פאַר יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידן און יידנטום.

לאָמיר אים ווינטשן אריכות ימים אין זיין פאַרצווייגטער קולטור טעטיקייט.



ברכה קודלי

## פּיר — ביי אַ גלעזל וויין

(פאַר שרה און בנימין אַ מתנה)

ביים טיש אין קאַבאַריי
אין שפּעטלעכן אָוונט
האָט דער וויין אין מענטש אַ טרייסט געוועקט
אי וויט אי נאָענט.

אין דעליר
האָבן רייד פון פרייד
זיך געמישט מיט אָוונט בלויען
און זיך דערגליט צו טרויער.

ס׳האָט אין אויגן דער וויין געפלעמלט,
ס׳איז פון איינעם צום צווייטן
אַ וואָרט געפאַלן
פון דעמלט און דעמלט — — —

נאָקטורן פון שאָפען
האָט דאָס געהער געגלעט
און זיך געפלאָכטן אין רויך פון סיגאַרעט.
אין די געדאַנקען האָבן געשטאַלטן

ווי שאָטנס גאַלאָפּירט
ס׳האָבן טעג פאַרגאַנגענע, אָט אויפגעלויכטן
ווי זון דורך כמאַרעס
און אַלץ האָט זיך אויף דנאָ פון גלאָז באַהאַלטן.

— — — — — — — — — —

ס׳וועלן קומען און פאַרגיין טעג
ווי ס׳קומט און גייט אַוועק אַ בענקעניש,
ס׳וועט יענער אָוונט
ווערן שטראַליקע געדענקעניש.

פּינטשע בערמאַן

## הער איך וואו פאַרשטיקט געזאַנגען

הער איך וואו פאַרשטיקט געזאַנגען,
אין דעם קלאַנג פון שלאָס און ריגל —
בין איך אויך אין שטייג געפאַנגען,
איז צעבראָכן אויך מיין פליגל . . .

זע איך ערגעץ וואו: אַ מידער
זוכט אַ דאַך און זוכט אַ באָדן —
ווערן מיד אויך מיינע גלידער,
ווערט דער הימל אויך מיין לאָדן . . .

זע איך, אין פאַרשטאַרטע אויגן,
ערגעץ וואו פון ברויט אַ חלום —
ווערט מיין טיש מיר אויך פאַרצויגן,
און אין גאַל עס ווערט מיין שלום . . .

וויגן זיך ביים שוועל נאַרציסן,
ביי דעם פענסטער בינען זשומען —
שיקט די זון אויך גראַטעס גריסן . . .
בליען אויך אויף קברים בלומען . . .

רייסט די שיין זיך דורך דעם זשאַווער,
ברעכט אַ טאָן זיך דורך גערודער —
איז יעדער נאַקעטער מיין חבר,
איז יעדער באָרוועסער מיין ברודער.

---

נ. שטיינבערג

## לירישע פּראָזע

(פריי נאָכן ענגליש)

### דער שאָטן

לויפט אין גאַס אַ שאָטן מיטן אויסזען פון אַ מענטש.
דער שאָטן איז ענלעך צו דיין אייגענעם איך.
דו שרעקסט זיך פאַר אים, ווילסט זיין מיט אים נאָענט;
יאָגסט אים נאָך מיט אַ געשריי: שטעל זיך אָפּ!
רעד צו מיר! וואָס איז דער זין פון דיין לויפן?
ווילסט דעריאָגן די פאַרגייענדיקע צייטן?
דו נאַר, אויף וואָס וועסטו דיין יאָגעניש אויסבייטן?



שטעל זיך אָפּ און גיב אַ טראַכט: עס לויערט דאָך
אויף דיר אַ מיסטעריעזע לאַנגע נאַכט . . .
דיין גורל איז דאָך איינגאַנצן אין מיר געראָטן —
וואָרום אַ מענטש איז בלויז אַ חלומדיקער שאָטן . . .

נאָר דער שאָטן ווייטער און ווייטער שוועבט
און דער מענטש? קוים ער לעבט — — —
אויף אים ציטערט תמיד די הויט —
אויס מורא פאַר דער נויט — — —
— — — — — — — —
ווען דער שאָטן וועט פאַרגיין —
וועט דער מענטש פאַלן טויט . . .

### דער פּלאָנטער

שטימען רעדן צו אונדז פון דער גאַנצער וועלט —
נאָר דאָס עכט אינטימע וואָרט בלייבט פאַרשטעלט.
לערער לערנען מיט אונדז טאָג נאָך טאָג —
נאָר לערנען ניט פון אמת די וואָרע וואָג.

און די וואָס דעקלאַמירן אַזוי זיכער און קלאָר,
ווייסן ניט וואָס ס'איז לויטער און וואָס ס'איז וואָר.
און מיטן שיין פאַרשלייערטן ליגן פאַרסמט מען
אפילו קינדער אין די וויגן — — —

### צוליב ליבע

צוליב ליבע זענען מיר שונאים געוואָרן —
די שנאה האָט גיפטיקע שלאַנגען געבאָרן — — —
און נאַכט נאָך נאַכט האָבן זיי געביסן
און טאָג נאָך טאָג האָב איך מיין האַרץ געריסן.
יעדער צער און בענקשאַפט געוועזן אין איר געראָטן,
נאָך מיין טראָט איז תמיד נאָכגעגאַנגען איר שאָטן . . .

געוואָרן אויף אייביק צעשטערט די בריק —
וואָס ס'האָט געפירט צום אַמאָליקן גליק.
אַלע וועגן האָבן גענומען פירן צו אירע געהיימע
פענצטער, צו אירע פאַרמאַכטע טירן,
וואו איך בין געשטאַנען געבויגן, מיט פאַרקלעמטע
טרערן אין די אויגן.

און וואָס מיין האַרץ האָט צו איר ניט גערעדט,
און וואָס מיין פעדער האָט צו איר ניט געשריבן —
צוליב ליבע זענען מיר שונאים פאַרבליבן — — —

ז. בונין

# די באַלאַדע פון טשינג-טסא-ליג

און דאָס איז די מעשה
פון דעם פּאָעט טשינג-טסא-ליג
ווי אַזוי אַ פליג
האָט שיר אים אומגעבראַכט.

איז ער אַרומגעלאָפן
ווי אַ בלינדער בער
אויף אַ ציגיינער-שטריק.

צום גליק —
איז אָנגעפאָרן אויף אַ וואָגן שטרוי
אַ פויער.
האָט ער געהערט, אַז טשינג-טסא-ליג
איז אין גרויסן אַנגסט און טרויער,
האָט ער גענידערט פון זיין וואָגן
און געזאָגט צו טשינג-טסא-ליג
לאמר, אַזוי צו זאָגן:
איך טו מיין רוקן
אין דרייען בויגן,
און ביזן גאַרטל —
זיך פאַרנויגן.
זאָג וואָס דריקט אויף דיין געמיט?
עס קאָן אַמאָל אפילו אַן אַלטער נאַר
העלפן יענעם אין זיין שעה פון צער.
און איך בעט דיר, זאָג פאַר־וואָס
טרייבסטו ניט אַראָפּ די פליג פון נאָז?

האָבן דעם פויערס רייד
ווי פון שלאָף אים אויפגעוועקט
און זיין ביטער האַרץ
פאַר אים אַנטפלעקט:

די פליג פאַרטרייבן
ז'ניט גאָר גרינג
ווי ס'קאָן זיך דוכטן:
זי האָט געבראַכט מיר שיינע טעג
און פריידיקע פאַרנאַכטן.



איר זשומען
האָט מיין איינזאַם צימער
מיט קלאַנגען אָנגעפילט,
ווי זיבן פלייטן —
וואָלטן זיך צעשפּילט.

האָט מיין האַרץ
געבענטשט איר קומען,
אויף אַלע מיינע וועגן
האָב איך זי מיטגענומען.

נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי
איך האָב מיין חן ביי איר פאַרלאָרן,
האָט זי זיך ווי אַ דאָרן
אויף מיין נאָז אַוועקגעשטעלט
און פאַרפינצטערט מיר מיין וועלט.
האָט דער פויער,
זיך צעשמייכלט
אין זיין באָרד דער גרויער:

אויב אַזוי,
וועל איך מיר
אַ קראַץ געבן אין היטל
און פּרואוון זיך דערטראַכטן
צו אַ מיטל,
ווי אַזוי, מיין ליבער טשינג-טסא-ליג,
דיך באַפרייען
פון דער פליג.

און נאָך לאַנגן, לאַנגן טראַכטן,
האָט דעם פויערס פּנים
זיך געגעבן אַ צעהעל.

האָט ער גענעענט
צו טשינג-טסא-ליג
און געגעבן אים אין נאָז —
אַ שטאַרקן שנעל.
איז די פליג, פאַרשטייט מען דאָך,
אַוועקגעפלויגן —
און דעם פּאָעט טשינג-טסא-ליג
איז געוואָרן ליכטיק
אין די אויגן.

**יעקב זינגער**

# זייער צווייטע יוגנט

(איין אַקטער)

## פ ע ר ז אָ נ ע ן :

**מאיר בערמאַן**: אַ באַיאָרטער ייד פון 68, אַ געוועזענער סטאָלער.

**אַסתּר**, זיין ווייב: אַ פרוי פון אַ יאָר 66.

**מעקס, זייער איידעם**: אַ מאַן פון אַ יאָר 38.

**אסטעל**: אַ פריינדין פון די בערמאַנס׳ אַ טאָכטער. אַ מיידל פון אַ יאָר 30.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פשוטן גאַסט צימער, ביי די בערמאַנס אין הויז. אַ זונטיק פאַרנאַכט, סוף אַפּריל, 1956.

**בערמאַן** (שטייט אין דער אָפענער טיר און שרייט אַרויס): **וואָס וועסטו אויס־שטיין אין דרויסן? קום אַריין. זיי זיינען שוין אַוועקגעפאָרן. שוין! אויס! דאַנקען גאָט.**

**אסתּר** (קומט אַריין. פאַרמאַכט די טיר. ווישט די אויגן מיט אַ טיכעלע). **ווי קענסטו אַזוי ריידן וועגן דיין אייגענע טאָכטער?**

**בערמאַן**: **ווי דען זאָל איך ריידן, ס׳איז דען ניט אמת? איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג.**

**אסתּר**: **ער זאָל נאָר זיין גוט צו איר. ער האָט מיר אַלעמאָל אויסגעזען אַזאַ בייזער, אַ כעסן . . .**

**בערמאַן**: **אַז זי וועט זיין גוט צו אים, וועט ער זיין גוט צו איר.**

**אסתּר**: **איך ווייס ניט, וואָס עס איז דער מער מיט דיר היינט? אַ טאַטע זאָל אַזוי ריידן וועגן זיין אייגן קינד.**

**בערמאַן**: **מיט מיר איז גאָרנישט דער מער. פריער ביסטו געווען פאַר־זאָרגט, וואָס דיין טאָכטער האָט ניט חתונה. איצט, אַז זי איז שוין אַוועקגעפאָרן אויף איר „האָנימון״, גייסטו אַרום אַ פאַרזאָרגטע.**

**אַסתּר**: **און דיר אַרט גאָרנישט, וואָס מיר ביידע זיינען געבליבן אויף דער עלטער, מיט די פיר ווענט?**

**בערמאַן**: **איך בין שוין גאָר צופרידן. איך האָב פיינט אַז אַן אַלטע מויד דרייט זיך אַרום אין הויז: פאַ, טו ניט דאָ און טו ניט דאָס. דאָס עס ניט און דאָס טרינק ניט. עס איז ניט געווען אויסצוהאַלטן פון איר. איצט, בין איך אַ פרייער מענטש. מיר וועלן קענען טאָן, וואָס מיר ווילן.**

**אסתּר**: **מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינ־קער זייט.**

**בערמאַן**: (שמייכלט) **דו מאַכסט אַ טעות: צוויי און פערציק יאָר, האָב איך געוואַרט אויף דעם היינטיקן טאָג. קום אַהער. זעץ זיך אַוועק.** (ער ציט איר, אַז זי זאָל זיך זעצן לעבן אים אויף דער קאַנאַפּע). **פאַרגעס אין זיי. זיי האָבן דיך אויך ניט אין זינען.**

**אסתּר**: **איך האָב צוגעזאָגט מילדריטן אַז איך וועל אָנבאַקן קיכעלעך פאַר די אייניקלעך. זי וועט דאָ באַלד זיין נאָך די קיכעלעך. איך האָב נאָך אפילו ניט פאַרמישט די טייג.** (שטעלט זיך אויף).

**בערמאַן**: (ציט איר צוריק. זי זעצט זיך צוריק אַוועק) **זיץ. וועט, איין מאָל, ניט זיין קיין קיכעלעך.**



**אסתּר** (באַליידיקט. הייבט די אַקסלען) **וואָס עפּעס איצט?**

**בערמאַן**: **אַז מיר האָבן שוין דערלעבט דעם טאָג, דרייסטו זיך, ווי דו וואָלסט געוואָלט אויסזיצן נייע הינדעלעך.**

**אסתּר**: **וואָס דיר קען איינפאַלן.**

**בערמאַן**: (לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר אַקסל. זי טוליעט זיך צו אים). **געדענקסט נאָך . . . איצט זיינען מיר דאָך, ווי דאָס ערשטע יאָר נאָך אונדזער חתונה. דו און איך. מיר ביידע, אַליין אין הויז. עס איז אַ מחיה. שטיל און רואיק. דו האָסט דאָך אפילו ניט געקאָנט אָפּקאָכן אַביסל געקעכץ פאַר דיין מאַן.** (לאַכט) **דו פלעגסט זיך שעמען און רויטלען.**

**אסתּר**: (באַליידיקט. באַפרייט זיך פון אים). **דאָס איז ניט אמת.**

**בערמאַן**: (לאַכט העכער) **ניין זאָגסטו? . . .**

**אסתּר**: (רוקט זיך אָפּ פון אים אַביסעלע) **מאיר בערמאַן, עס וועט זיין גענוג! אַז וועסט ניט אויפהערן, וועל איך דיר אויסרייסן דיינע האָר פון קאָפּ.** (זי כאַפּט זיין קאָפּ אין אירע ביידע הענט און שאָקלט אים).

**בערמאַן**: (ער לאַכט) **רייס. איצט קענסטו רייסן, וויפל דו ווילסט. קיינער איז אין הויז ניטאָ, אַז מע זאָל דיר שטערן.**

**אסתּר**: (זעצט זיך. גלעט זיינע האָר מיט פרייד). **איצט, ביסט שוין אַזוי גרוי . . .** (עס איז שטיל אַ ווייל).

**בערמאַן**: (מיטאַמאָל) **און וואו זיינען אַהינגעקומען דיינע פעך שוואַרצע צעפּ, וועלכע דו האָסט געטראָגן פאַרדרייט, אַרויף, ווי אַ קרוין? איך פלעג מיך שפּיגלען אין דער קרוין. דו האָסט אויסגעזען, ווי אַ פּרינצעסן. ווי אסתּר המלכה.**

**אסתּר**: (שעמעוודיק) **מאיר, דו ווייסט ווי לאַנג עס איז שוין, ווי דו האָסט דאָס מיר געזאָגט?**

**בערמאַן**: **ווי האָב איך דיר דאָס געקענט זאָגן, אַז דו ביסט אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט די קינדער? מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַזויפיל פרייד . . . אַזויפיל פאַרגעניגן . . . דו געדענקסט? . . .**

**אסתּר**: (פאַרטראַכט) **און באַלד זיינען געקומען די קינדער. איינס נאָכן צווייטן . . . מאַמפּס און מאָזלען. יעדן ווינטער, דאָס צוקילן זיך. געדאַרפט אויפשטיין עטלעכע מאָל אַ נאַכט, זען צי זיי זיינען גוט צוגעדעקט. דיך האָב איך ניט געוואָלט וועקן, ווייל דו האָסט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט. אַ שווער לעבן געווען. אַ שווער לעבן.** (ווישט אַ טרער).

**בערמאַן**: **ווען מילדריט האָט אָנגעהויבן גיין אין סקול, האָט זי אונדז געהאַלטן אין איין מושטירן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אויפפירן.** (לאַכט). **געדענקסט ווי זי פלעגט זאָגן: „פּאַפּאַ, דאָ איז ניט ׳יוראָפּ׳. דו ביסט אין אַמעריקע״.**

**אסתּר**: (שמייכלט) **איך האָב אַזוי מורא געהאַט פאַר איר. איך האָב מיך געהאַלטן אין איין היטן, אַז איך זאָל איר ניט פאַרשעמען פאַר אירע חברטעס.**

**בערמאַן**: **און איצט זיינען אַלע אַוועק. מיר זיינען ווידער אַליין, ווי אַמאָל, ווי מיר וואָלטן ערשט אָנגעהויבן.**

**אסתּר**: (זיפצט שטאַרק) **אַוועק! אייגענע היימען. אייגענע קינדער. איי־גענע דאגות. אייגענע זאָרגן . . .**

**בערמאַן**: **זאָל זיך אונז דאַכטן, אַז מיר האָבן זיי קיינמאָל ניט געהאַט, מיר זיינען ווידער יונג.**

**אסתר:** דאָס וואָלט איך ניט געוואָלט.

**בערמאַן:** איך מיין, מיר זאָלן אָנהויבן פון דאָס ניי. די ערשטע צייט נאָך אונדזער חתונה האָבן מיר פּלאַנירט צו טאָן אַזויפיל זאַכן. צוליב די קינדער האָבן מיר געהאַלטן אין איין אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. איצט קענען מיר ווידער אַלץ טאָן, ווי אין די ייִנגערע יאָרן.

**אסתר:** (קוקט אויף אים און זיפצט) ווי אין די יונגע יאָרן זאָגסטו? . . . די צייט איז אַוועקגעלאָפן אַזוי גיך . . . (ווישט די טרערן). מיר האָבן געהאַט אַזעלכע שיינע חלומות. איך בין שוין ניט יענע מיידל מיט די גרויסע צעפּ, און דיינע האָר זיינען ווייס . . . (די טרערן שטיקן איר).

**בערמאַן:** (מוטיקער) דו ביסט ניט אַלט! (ער זעט ווי זי זיצט פאַרטרויערט). עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס מיר קענען נאָך איצט טאָן. (גיט זיך אַ שטעל אויף). דו ווייסט אַז מיר האָבן נאָך קיין אמתע „האָנימון“ קיינמאָל ניט געהאַט?

**אסתר:** (פאַרטרויערט) איך ווייס.

**בערמאַן:** איך האָב וועגן דעם געטראַכט אַ לאַנגע צייט. קיינמאָל ניט צו שפּעט. וואָס זאָגסטו? . . .

**אסתר:** (קוקט אַרויף צו אים) און געלט?

**בערמאַן:** (זעצט זיך צוריק אַוועק לעבן איר). הער זיך איין: איך האָב צוועלף הונדערט דאָלער אין באַנק. איך קען איינקאַסירן מיין „אינשורענס“, קענען מיר האָבן נאָך פינף און צוואַנציק הונדערט דאָלער. מען קען אַנטלייען נאָך אַ טויזנט אָדער צוויי, אויפן הויז. דאָס הויז איז דאָך איינגאַנצן אויסגעצאָלט. דו ווייסט וואוהין איך וויל דיך נעמען אויף דעם „האָנימון“? ווערסט ניט טרעפן . . . (ער קוקט אויף איר שאַרף, מיט פרייד). קיין ארץ ישראל!

**אסתר:** די פינף הונדערט דאָלער וואָס איך האָב אין באַנק אויף מיין נאָמען, קענען אויך אַרויסהעלפן. גלויבסטו אָבער, ווען די קינדער וועלן זיך דערוויסן פון דיינע פּלענער, וועלן זיי אונדז ווייטער שטיצן?

**בערמאַן:** פאַרוואָס ניט? מיר האָבן זיי גענוג געגעבן. זיי קענען זיך ניט פאַרקלאָגן אויף טאַטע־מאַמע. שוין אַביסל צופיל געגעבן.

**אסתר:** און טאָמער ניט? דו קענסט מער ניט אַרבעטן. מיט דיינע געשוואָלענע פיס קענסטו מער ניט קריכן אויף קיין רישטאָוואַניעס און האַלטן אַ האַמער אין האַנט. און שלעפּן דעם קאַסטן געצייג . . . איך בין אויך ניט, ווי געווען.

**בערמאַן:** (פאַרטראַכט אַביסל) אסתרל, אונדזער לעבן איז אונדזערס. מיר דאַרפן קיינעם ניט אָפּגעבן קיין חשבון. מיר האָבן צו לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג . . .

**אסתר:** איך פיל ווי צו וויינען פון פרייד. מען דאַרף אָבער גוט אויסרעכענען, מאיר. ניט איינרייסן זיך מיט די קינדער.

**בערמאַן:** ניטאָ וואָס צו רעכענען. מיר וועלן פאָרן קיין ארץ ישראל אויף אונדזער „האָנימון“. (גיט אַ זינג מיט פרייד) ירושלים עיר הקודש . . .

(דאָס גלעקל פון דער טיר קלינגט. ביידע גייען עפענען די טיר. עס גיט אַ קום אַריין זייער איידעם, מעקס. ער איז אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייטיק. ער רויכערט אַ ציגאַר און שמייכלט).

**מעקס:** האלאָ, פּאַ! האַלאָ מאַ! אַליין, האַ? . . . אומעטיק צו זיין אַליין. איך פאַרשטיי.

**אסתר:** איך האָב ניט דערוואַרט אַז דו זאָלסט אַזוי גיך קומען נאָך די



קיכעלעך. איך האָב נאָך אפילו ניט פאַרמישט דאָס טייג.

**בערמאַן:** וואו איז מילדריט, זי האָט דאָך געזאָלט קומען.

**מעקס:** איר ווייסט דאָך, צוליב די קינדער קענען מיר ביידע ניט אַוועקגיין פון הויז.

**בערמאַן:** (לאַכט) צי איך ווייס? אוי, ווייס איך. דאַרפסט מיר ניט דערציילן. זיץ אַ ווײַלע.

**אסתר:** ווערסט דאָ זיין לאַנג? וועל איך אַריינגיין פאַרמישן די קיכעלעך.

**מעקס:** (זעצט זיך) אייגנטלעך, בין איך ניט געקומען נאָך די קיכעלעך. איך בין געקומען ריידן מיט אייך וועגן אַן אַנדער זאַך. מילדריט האָט געזאָגט, אַז איך וועל קענען בעסער ריידן אָן איר. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך צעוויינען.

**אסתר:** (דערשראָקן) אויף מיינע שונאים! עפּעס איז חס ושלום געשען? (ביידע זעצן זיך).

**מעקס:** איר קענט דאָך אייער טאָכטער. זי זאָרגט זיך וועגן אייך. איצט, אַז עוועלין איז אַוועקגעפאָרן אויף איר „האָנימון“, איז ניטאָ ווער עס זאָל אויפּפּאַסן אויף אייך, זיצט זי און וויינט.

**בערמאַן:** וואָס דאַרף מען דאָס אויפּפּאַסן אויף אונדז? (קוקט פאָרשנדיק אויף דעם איידעם).

**מעקס:** וואָס פרעגט איר מיך? זי איז דאָך אייער טאָכטער. זי האָט מיך ניט געלאָזט איינזיצן. גיי אַריבער און רעד מיטן טאַטן, האָט זי מיר געטריבן.

**בערמאַן:** וואָס איז דען דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן?

**מעקס:** איידער עוועלין איז אַוועקגעפאָרן, האָבן מיר אַלע גערעדט וועגן אייך. זי האָט אפילו ניט געוואָלט פאָרן אויף איר „האָנימון“, ביז איך וועל איר ניט צוזאָגן, אַז איך וועל אַלץ באַזאָרגן.

**אסתר:** וואָס האָט זי דיך געדאַרפט מטריח זיין. זי האָט דאָך געקענט בעטן דעם טאַטן אירן.

**מעקס:** (בלאָזט דעם רויך פון ציגאַר) עס האַנדלט זיך וועגן אייך.

**אסתר:** (דערשראָקן) וועגן אונדז?

**מעקס:** אַז אייערע זין זיינען דאָ ניטאָ. איינער אין שיקאַגאָ און דער צווייטער ערגעץ אין דער סאַוט; מוזן די איידעמס טראָגן דעם עול. איר דאַרפט זיך גאָרנישט זאָרגן. איך האָב אַלץ דערליידיקט.

**בערמאַן:** (אומגעדולדיק) לאָמיר שוין הערן, וואָס דו האָסט אַזוינס אויפגעטאָן פאַר אונדז!

**אסתר:** נו, טאַקע, מעקסעלע, וואָס ציסטו אַרויס די נשמה?

**מעקס:** כדי מילי זאָל ניט דאַרפן כסדר זאָרגן וועגן אייך, (צו דער מוטער) האָבן מיר באַשלאָסן אַז איר זאָלט וואוינען מיט אונדז. מע וועט אויפשטעלן פאַר אייך אַ בעט אין די קינדערס צימער. און איר וועט זיך קענען קאָכן, וואַשן און רוימען, ווי ביי זיך אין דער היים. איר וועט זיין די גאַנצע באַלעבאָסטע. מילי וועט מיר קענען אַרויסהעלפן אין סטאָר; אַז מיר וועלן דאַרפן ערגעץ גיין, וועלן מיר ניט דאַרפן זיין פאַרזאָרגט וועגן די קינדער און אַרויסוואַרפן אומזיסט געלט, פאַר אַ „בייבי־סיטער“. אָדער, אייך אַהיימפירן שפּעט ביינאַכט אין אַ רעגן צי אין אַ פראָסט. איר ווייסט דאָך, די קינדער האָבן אייך אַזוי ליב, זיי וועלן זיך פילן גליקלעך.

**בערמאַן:** (האַלט זיך איין פון כעס. די אַלטע רעדט ניט. זי קוקט אויף איר מאַן). אההאאא! און מיך, דעם טאַטן, וואו וועט איר אַהינטאָן? איך לעב דאָך נאָך אויך . . .

**מעקס:** (שמייכלט און בלאָזט דעם רויך פון ציגאַר). אָט קום איך צו דעם. מיר האָבן אייך ניט פאַרגעסן, פּאַ. עווען און פיליפ האָבן זיך געקויפט אַ קאַנאַפּע, וואָס מע קען פאַרוואַנדלען אין אַ בעט. זיי האָבן בלויז דריי צימערן, וועט איר שלאָפן אין דעם גרויסן צימער.

**בערמאַן:** אההאאא! איך וועל זיין ביי עווען און די מאַמע וועט זיין ביי דיר. זייער קלוג. דאָס האָבן מיינע טעכטער אַזוי קלוג אויסגערעכנט?

**מעקס:** (כאַפּט זיך ניט, אַז דער אַלטער איז סאַרקאַסטיש). איר דאַרפט זיי ניט געבן דעם גאַנצן קרעדיט. אייער איידעם (ווייזט אויף זיך) האָט אויך עפּעס צו זאָגן. יאָ, נאָך אַ זאַך: פאַר דער הויז קענט איר קריגן אַרום אַכט טויזנט דאָלער. דאָס געלט וועט איר קענען אינוועסטירן אין מיינע ביזנעס. פון דעם פּראָצענט וואָס איך וועל אייך צאָלן, וועט איר קענען האָבן אויף פּאַפּיראָסן, אויף מתנות פאַר די אייניקלעך און נאָך אַנדערע קלייניקייטן. איך האָב שוין גערעדט מיט אַ בראָקער. איר וועט ניט דאַרפן צאָלן קיין טעקסעס, וואַסער, אינשורענס און די אַנדערע הוצאות, וואָס אַ הויז פאָדערט . . . אייער געלט וועט זיין אין זיכערע הענט און איר וועט נאָך קריגן פּראָצענט. איר וועט נאָך שפּאָרן געלט. (לאַכט צופרידן).

**אסתּר:** (ווישט די אויגן). איך וועל זיין ביי דיר און דער פּאַ וועט שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע ביי עווען.

**מעקס:** איר ווייסט דאָך, איר דירה איז אינגאַנצן צוויי בלאָק פון אונדז. דאָס איז כמעט, ווי אין דעם זעלבן הויז. נו, איצט שלאָפט איר דאָך אויך אין באַזונדערע צימערן. אַזוי, אַז ס'איז דיזעלבע זאַך. מיר האָבן געקויפט אַ נייע טעלעוויזיע. פיר און צוואַנציק אינטשעס. אַקוראַט די זעלבע וואָס עווען האָט געקויפט.

**בערמאַן:** איר האָט אַלץ אויסגערעכנט, אָן דעם באַלעבאָס. דעם טאַטן מיט דער מאַמען, האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט פרעגן? דאַכט זיך, אַז מיר האָבן אויך עפּעס צו זאָגן. דו ווייסט דאָך, דאָס הויז איז דאָך אונדזערס.

**מעקס:** אוודאי איז דאָס אייער הויז. קיינער נעמט דאָס ניט צו פון אייך. אָבער, צו וואָס זאָלט איר האַלטן אַזויפיל געלט אין באַנק? וואָס צאָלן זיי דאָרט, צוויי און אַ האַלב פּראָצענט? איך וועל אייך צאָלן פיר און איר וועט וויסן אַז אייער געלט איז אין זיכערע הענט.

**בערמאַן:** (שטעלט זיך אויף. קוקט בייז אויפן איידעם. האַלט זיך איין פון כעס). האָסט נאָך עפּעס צו זאָגן, מעקס?

**מעקס:** (שטעלט זיך אויך אויף). דאָס איז כמעט אַלץ. וועגן די אַנדערע קלייניקייטן קען מען שפּעטער ריידן. (צו דער מוטער). איר קענט אפילו מאָרגן זיך אַריינקלייבן צו אונדז. איר זייט אַלעמאָל ווילקאָמען. איר ווייסט דאָך, ווי די קינדער האָבן אייך ליב.

**בערמאַן:** (שרייט). איך וועל דאָס הויז ניט פאַרקויפן. דאָס הויז איז מיינס. דו הערסט?! איך לעב נאָך דערווייל! נעם דיר דאָס גוט אַריין אין קאָפּ. (גייט אָפּ, בייז).



**אסתּר:** (שטעלט זיך אויך אויף). וואָס דאַרפסטו שרייען? די שכנים וועלן מיינען אַז מיר קריגן זיך.

**מעקס:** (צום פאָטער). נו, טאַקע, מע וואָלט געקענט מיינען אַז איך וויל אייך שלעכטס טאָן. (צו דער מוטער). וואָס איז דער מער מיט אים? איך האָב אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. איך ברעך מיר דעם קאָפּ און גיי אפילו מאַכן אומבאַקוועם מיינע אייגענע קינדער צוליב אים און ער שרייט נאָך.

**בערמאַן:** (נאָך העכער). איך וועל ניט פאַרקויפן דאָס הויז. די מאַמע און איך וועלן דאָ בלייבן! . . .

**מעקס:** (צו דער מוטער). איז דער פּאַ אָלרייט? מיר דאַכט זיך . . .

**בערמאַן:** זאָג שוין, דער פּאַ איז משוגע. איך, וואָס האָב דיר אַוועקגעגעבן דריי טויזנט דאָלער און דיר אויסמעבלירט אַ הויז פון שענסטן און בעסטן. און דאָס, וואָס די מאַמע האַלטן אין איין אַהינברענגען צו דיר און דאָס, וואָס מילדריט האַלט אין איין שלעפּן פון דעם הויז . . .

**אסתּר:** זיי זיינען דיינע קינדער. ווען דען גיב איך, אויב ניט מיינע קינדער.

**בערמאַן:** האָב איך דיר דען עפּעס אַמאָל געזאָגט? גיב געזונטערהייט. זעסט, מעקס, איך קען אויסרעכענען אַ סך נאַרישקייטן וואָס איך בין באַגאַנגען. אָבער פאַרקויפן דאָס הויז, צעשיידן טאַטע־מאַמע, אָ . . . דאָס וועסטו ביי מיר ניט פּועלן!

**אסתּר:** (בעט זיך) צו וואָס דאַרפסטו זיך קאָכן? . . . (צו מעקסן). ער איז ניט גוט אויפגעלייגט, וואָס עווען איז אַוועקגעפאָרן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי איז אַוועק פון דער היים. גיי איצט צו דיין ווייב און קינדער. דער פּאַפּאַ וועט זיך באַרויִקן, וועלן מיר דעמאָלט ריידן.

**מעקס:** אָלרייט! איך האָב פיינט אַז מען שרייט אויף מיר. איך וויל אים טאָן אַ טובה, און ער שרייט גאָר. הער, מאַ, אפשר וואָלסטו איצט געגאַנגען מיט מיר. איך האָב דיך מורא איבערצולאָזן מיט אים אַליין אין הויז.

**אסתּר:** זאָרג ניט וועגן מיר. איך בין אָלרייט. גיי, גיי אַהיים צו דיינע קינדער.

**מעקס:** אָ קעי, מאַ. איך וועל נאָך דיר קומען שפּעטער. מיר זיינען איינגעלאַדן צו אַ פּאָקער געים! (אָפּ).

(זי זעצט זיך אַוועק און הייבט אָן וויינען מיט ביטערע טרערן. ער רויכערט אַ סיגאַרעט און שטייט פאַרביטערט אין אַ זייט).

**אסתּר:** מיר האָבן געהאַט אַזעלכע זיסע חלומות. (צעוויינט זיך נאָך מער).

**בערמאַן:** ווידער די קינדער. איך האָב געמיינט, ווען זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן מיר קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם! איך וועל ניט שלאָפן ביי עווען אויף קיין קאַנאַפּעס! דו הערסט?!

**אסתּר:** האָסט ניט גענדאַרפט שרייען אויף אים. מע דאַרף זיך ניט איינרייסן מיט די קינדער. פון כעס, וועלן זיי אויפהערן שיקן די עטלעכע דאָלער יעדע וואָך.

**בערמאַן:** איך וויל ניט זיין געלט! ער גיט מיר ניט זיין געלט! דו ווייסט אַז מיינע פיס זיינען ניט געשוואָלן געוואָרן פון פאַרגעניגן? איך האָב געהאָרעוועט שווער, שווער געפּראַצעוועט, אַלץ פאַר די קינדער. וואָס האָב איך איצט? . . .

**אסתר:** (וויינט ווידער). ביים לעבן נאָך, ווילן זיי אונדז צעשיידן. מילדריט וועט שרייען אויף מיר אַז איך בין אַלטמאָדיש, אַז איך פּטר אַוועק די קינדער . . . מיר האָבן געזאָלט פאָרן אויף אַ „האַנימון", קיין ארץ ישראל, צו דער מוטער רחלס קבר . . .

**בערמאַן:** וואָס האָסטו זיך צעוויינט? וויינק אָנגעזאַלצן איז מיר אויפן האַרצן, דאַרפסטו נאָך זיצן און באַוויינען מיך?!

**אסתר:** וואָס וואָלסטו געוואָלט זאָל איך טאָן? טאַנצן?!! דו ביסט קראַנק. דו קענסט מער ניט אַרבעטן. און איך, וואָס קען איך איצט טאָן?

**בערמאַן:** דער הימל ליגט נאָך ניט אויף דער ערד און מיר ליגן נאָך ניט אין גאַס. (זעצט זיך לעבן איר און גלעט איר די האַנט). מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל. איך וועל שוין עפּעס צוטראַכטן. גיי מאַך וועטשערע.

**אסתר:** (שטעלט זיך אויף). אַז איך קען קאָכן און וואַשן ביי מילדריטן, וועל איך קענען קריגן אַ דזשאַב, ביי עמיצן אַנדערש אויך.

**בערמאַן:** און איך בין נאָך אויך ניט קיין אינוואַליד. אַזוי שטאַרק ווי דו, בין איך נאָך אויך. (שטעלט זיך אויף. זיפּצט). ניט געזאָרגט, גאָט איז אַ פאָטער. (נעמט איר אַרום און גיט איר אַ קוש אין באַק). מיר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען און מיר וועלן פאַרענדיקן צוזאַמען.

**אסתר:** (ווישט אויס די אויגן). איך וועל גיין מאַכן וועטשערע.

(עס קלינגט דסס גלעקל. זי גייט עפענען די טיר. זי קומט צוריק מיט אסטעל בייקער. אַ גאַנץ שיינע מיידל, פון אַ יאָר דרייסיק. גאַנץ שיין אָנגעטאָן).

**אסטעל:** האַלאָ, מיסטער בערמאַן. (צו דער מוטער). איך בין אַריינגעקומען זען, וואָס איר טוט אין דעם ערשטן טאָג, וואָס עוועלין איז ניט אין דער היים. (קוקט אויף ביידן דערשראָקן). איר זעט ביידע אויס אַזוי טרויעריק.

**אסתר:** חלילה, ווער איז טרויעריק? זיץ. מיר זיינען צופרידן וואָס עוועלין האָט געקראָגן אַזאַ פיינעם מאַן.

**אסטעל:** וואָס זשע דען זייט איר ביידע אַזוי פאַרטרויערט און דערשלאָגן? (זעצט זיך).

**אסתר:** (זעצט זיך). מיין איידעם האָט אַריינגעגעבן דאָס הויז צום פאַרקויפן. איך דאַרף גיין וואוינען מיט מילדריטן און מיסטער בערמאַן, מיט עוועלין. איך האָב מורא, אויב מיר וועלן ניט צושטימען צו דעם, וועלן די קינדער אויפהערן אונדז שטיצן. איצט, אַז עוועלין האָט אויך חתונה געהאַט, זי וועט מער ניט צאָלן אין הויז, ווייסן מיר ניט וואָס מיר וועלן טאָן.

**אסטעל:** דאָס איז טרויעריק. פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן טאָן אַזאַ זאַך?

**בערמאַן:** איך ווייס ניט, צו וואָס אַ מענטש דאַרף אינגאַנצן האָבן קינדער? אַזעלכע גאָרנישטן!

**אסטעל:** (עס איז שטיל אַ ווייל. זי קוקט אויף ביידן פאָרשנדיק). איצט פאַרשטיי איך שוין. איר ווילט ניט אַז מע זאָל אייך צעשיידן. איר ווילט זיין צוזאַמען. אייער זאָרג איז, מאַכן אַ לעבן.

**אסתר:** מיר זיינען געזעסן און געמאַכט פּלענער וועגן אַ „האַנימון" קיין ארץ ישראל. אַזעלכע שיינע פּלענער. אינמיטן דערינען, איז אַריינגעקומען מיין איידעם. איך בין געוועזן אַזוי גליקלעך . . .

**אסטעל:** (דערפרייט). פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געזאָגט וועגן דעם?! ווען איך ווייס . . .



**אסתר:** וואָס קענסטו אונדז העלפן?

**אסטעל:** איר ווייסט דאָך, אַז איך אַרבעט אין דעם „אינטערנאַל רעווענין" דעפּאַרטמענט. לויט דעם געזעץ, זייט איר באַרעכטיקט צו עלטער פּענסיע. ווי אַלט זייט איר?

**אסתר:** מיסטער בערמאַן איז אַכט און זעכציק און איך גיי ווערן זעקס און זעציק יאָר אַלט.

**בערמאַן:** איך וויל ניט קיין צדקה. שיין דערלעבט, איך זאָל נעמען נדבות...

**אסטעל:** דאָס איז ניט קיין שטיצע און ניט קיין צדקה. לויטן געזעץ זייט איר ביידע באַרעכטיקט צו קריגן אַרום אַכציק דאָלער אַ חודש. אָנקל סעם איז אַ גוטער צאָלער. דאָס איז אַ געזעץ פון קאָנגרעס. איר זאָלט אפילו וואוינען אין סאוט אַמעריקע, צי ערגעץ אַנדערש, וועט אייך דער „טרעזשורי" דעפּאַרטמענט צושיקן אייער געהאַלט. איר זייט געווען אַ סטאָליער. ווען איר האָט געאַרבעט, האָט איר דאָך געהאַט אַן אַרבעטסלאָז נומער, אויף אַ קליין קאַרטעלע.

**בערמאַן:** יאָ. איך האָב דאָס צווישן אונדזערע בירגער פּאַפּירן. זאָג מיר, אסטעל, אויב דאָס אַלץ איז אמת, וואָס דו זאָגסט, קיין ארץ ישראל וועט מען אויך שיקן דאָס געלט? איך בין אַ בירגער!

**אסטעל:** ס'איז ניט קיין אונטערשייד. אפילו אין ארץ ישראל. ערשט פאַריקע וואָך איז ביי מיר אין אָפיס געווען אַן איטאַליענער מיט זיין פרוי. זיי קלייבן זיך אויסצולעבן זייערע יאָרן אין איטאַליע.

**אסתר:** (מיט פרייד) דו הערסט, מאיר? גאָט פאַרלאָזט ניט! (צו אסטעל) ער האָט דאָך שוין לאַנג ניט געאַרבעט.

**אסטעל:** (קוקט אויפן האַנט זייגערל. שטעלט זיך אויף). דאָס מאַכט אויך ניט אויס. איך דאַרף שוין גיין. קומט מאָרגן צו מיר אין אָפיס אַריין. זייט דאָרטן אַרום ניין דרייסיק אין דער פרי. (זי שרייבט אויף, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, דעם אַדרעס). דאָ איז דער אַדרעס. זאָרגט זיך גאָרנישט. עס וועט אייך ניט קאָסטן קיין איין סענט. איך וועל אַלץ דערלייידיקן. נעמט מיט אייער סאָציאַל-פאַרזיכערונגס קאַרטעלע מיטן נומער. איר וועט דאַרפן אונטערשרייבן געוויסע פּאַפּירן. עס וועט נעמען אַ צוויי וואָכן און איר וועט זיין באַזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן. איר וועט מעגן גיין וואו איר ווילט, טאָן וואָס איר ווילט און וואוינען וואו איר ווילט. ניט זאָרגן מער וועגן חיונה און ניט זיין אָנגעוואָרפן אויף אייערע קינדער. (גייט צו דער אַלטער און גיט איר אַ קוש). אַ יונגערמאַן קומט צו מיר אין אַ האַלבע שעה אַרום, דעריבער איייל איך זיך. (שמייכלט). גוט באַי. גוט באַי, מיסטער בערמאַן. (אָפּ).

**אסתר:** נו, וואָס זאָגסטו צו דעם, מאיר? גרויסער גאָט, ס'זאָל נאָר זיין אַלץ אמת, וואָס זי האָט געזאָגט. (ווישט די אויגן). אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער, אַבי ניט זיין צעשיידט.

**בערמאַן:** (זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע). און איך, אַלטער נאַר, האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן?

**אסתר:** (זעצט זיך לעבן אים). וואָס? . . .

**בערמאַן:** אַז אָנקל סעם שיקט טאַקע די פּענסיע קיין ארץ ישראל, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט טאַקע פאַרקויפן דאָס הויז, צוזאַמענעמען די פּאָר סענט און פאָרן אַהין? ניט נאָר אויף אַ „האַנימון", נאָר אויף שטענדיק? . . . (גיט זיך

אַ שטעל אויף). מיינע האָפענונגען זיינען מקוים געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן. **לשנה הבאה בירושלים! . . .**

**אסתר: וואָס וועלן מיר טאָן אין ארץ ישראל?**

**בערמאַן: מע וועט שוין טאָן! מע וועט שוין טאָן! איך וועל קענען פיטערן שאָף אָדער זיין אַ שומר אין אַ קיבוץ. איך קען נאָך האַלטן אַ האַמער אין האַנט אויך. און דו, וואָס דאַרפסטו טאָן? וועסט מיר ברענגען אָנבייסן אין פעלד אַריין. מירן זיך דערציילן מעשות, לייענען שיר השירים און זיין צווישן יידן.**

**אסתר:** (גייט צו אים נעענטער מיט פרייד). **און איבערלאָזן די קינדער?**

**בערמאַן: מיר פאַרלאָזן דען די קינדער? זיי האָבן דאָך אונדז פאַרלאָזן. זיי האָבן איצט זייער לעבן, מיר וועלן אָנהויבן פון דאָס ניי, אונדזער לעבן. דאָס וועט זיין אונדזער צווייטע יוגנט. פונקט אַזוי, ווי איך האָב געהאָפט. גענוג געווען צוגעבונדן צו קינדער!** (גיט איר אַ נעם אַרום. הייבט אָן זינגען אַ האָרא און ציט איר צום טאַנצן. אינמיטן דערינען, גיט ער אַ געשריי מיט פרייד). **אסתר המלכה וועט פאַשען שעפסן, אין ארץ ישראל!**

**אסתר:** (בלייבט שטיין מיט פרייד). **משוגענער, הער שוין אויף. האָסט מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, פונקט ווי דעמאָלט, איידער מיר האָבן חתונה געהאַט. טאַקע די צווייטע יוגנט. אַז איך האָב פאַרגעסן, אַז איך דאַרף נאָך אָנבאַקן די קיכעלעך פאַר די קינדער.**

**בערמאַן: יאָ, די צווייטע יוגנט! קום טאַנצן!** (ער ציט איר צו זיך). **איך האָב דיר צוגעזאָגט אַ „האַנימון", וועט זיין א האַנימון! מע דאַרף ניט קיין קיכעלעך. מירן זיי שיקן מאַנדל ברויטלעך און האָניק טייגלעך פון ארץ ישראל. ארץ זבת חלב ודבש!** (ער זינגט און בײדע טאַנצן).

פאָרהאַנג פאַלט.

ס ו ף.

---

**יצחק ניומאַן**

# ד י א פ א ק ר י פ ן

(היסטאָרישע עסיי)

די אפּאָקריפישע ביכער וואָס ווערן ביי אַלע פעלקער פאַררעכנט פאַר הייליק צוגלייך מיט דער ביבל, איז ביי יידן אַ פרעמדע זאַך, וואָס גייט ניט נאָר ניט אַריין אין די הייליקע שריפטן, נאָר זיי ווערן אפילו ניט דערמאַנט צווישן די יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָס איז אַ גרויסער שאָד, מחמת זייער היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע חשיבות איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. ערשט דורך די אפּאקריפן קריגן מיר אַן אמת בילד פון קולטורעלן און פאָליטישן מצב פון יידן זינט דעם אָפּשלוס פון דער תורה שבכתב ביז דער גרינדונג פון די משנה. יענע עפּאָכע איז באַזונדערס וויכטיק, ווייל זי שפּיגלט אָפּ די פּאַסירונגען וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף דער יידישער פיזיאָנאָמיע אין דער גאַנצער צייט פון די חשמונאים ביז דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד.



די אפּאָקריפישע ביכער האָבן געצונדן די פאַנטאַזיע און די יידישע טרוימען וועגן גאולה דורך קבלה, מיסטיק און משיחיזם. אַלע האָבן זיי געשעפּט אינספּיראַציע פון די קוואַלן וואָס די אפּאָקריפן־טרוימער האָבן צוגעגרייט פאַר די דורות — דעם גלויבן אין אַ בעסערער און שענערער וועלט.

אַ חוץ די כתובים וואָס זיינען אַריין אין די כתבי קודש ווי משלי, תהילים, איוב, די פינף מגילות, דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים, זיינען געווען פיל אַנדערע כתובים וואָס צוליב די אָדער אַנדערע טעמים זיינען ניט אַריין אין תנ"ך. זיי זיינען געבליבן אין דרויסן און רופן זיך דערפאַר אפּאָקריפן, כתובים אחרונים, אָדער ספרים חיצונים. טייל זיינען פּסעוודאָ־היפּאָקריפן, ד. ה. פיקטיווע נעמען און פאַרנעמען זיך מיט אפּאָקאַליפּסן און וויזיעס, מיט רעוועלאַציעס פון עולם הבא, און מיט אַ וויי̇טער צוקונפט.

לויט דער מיינונג פון די היסטאָריקער זיינען דידאַקטישע שריפטן עפּיגאָנען וואָס האָבן אימיטירט די ביבל, און זיי שטייען נידעריקער פון זייערע מוסטערן. זייער חשיבות באַשטייט בלויז אין זייערע הוספות פון פאַנטאַסטישע לעגענדן און געשטאַלטן און מיסטישע געדאַנקען. זייער שילדערן אין סימבאָלן, איז ענלעך צו די זעאונגען פון יחזקאל, זכריה און דניאל. זיי האָבן מימיקירט די חזיונות פון די נביאים, אָבער ניט אָנגעגעבן קיין ראיות אויף ערטער פון דער תורה. גערעכט איז יאָזעפוס ווען ער באַהויפּטעט: „אַזוי ווי אין יענער צייט האָבן זיך געמערט טעאָריעס און אידייען ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, וואָס האָבן געפונען אויסדרוק אין פיל הייליקע און ניט אַזוי הייליקע שריפטן, האָבן די חכמים מורא געהאַט מען זאָל ניט ווערן פאַרפּלייצט פון אַ פלעיאַדע נביאים, האָבן זיי גענומען אַ שטעלונג קעגן אַלע פון זיי און געלאָזן זיי אין דרויסן".

די מחברים פון די אפּאקריפן זיינען ניט געווען ווי די נביאים שטראָפער אָדער טרייסטער, נאָר וויזיאָנערן, וואָס ווייזן אָן אויף אַ וויי̇טער אָדער נאָענטער צוקונפט. זיי שילדערן דאָס לעבן פון זייער דור, ווי עס האָבן פאָראויסגעזאָגט די זעער פון די פריערדיקע דורות. זיי גיבן הזהרות וועגן זאַכן וואָס וועלן זיכער קומען אין דער צוקונפט. די אפּאקריפן שרייבער זיינען אויך ניט ווי די חכמי התלמוד, וואָס האָבן זיך געווידמעט צו הלכה, צום דין, מיטן צוועק צו קענען בעסער אָפּהיטן יידישקייט און מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, און דער־פאַר האָבן אפילו אגדות און מנהגים געמוזט באַגרינדעט ווערן אויף אַ פּסוק ערגעץ אין דער תורה. די אפּאקריפן, ווי פאָלקס ליטעראַטן, האָבן באַשריבן דאָס וואָס זיי האָבן געהערט ביים פאָלק: זיסע וואונטשן, גוזמהדיקע חלומות פון צעהיצטע פאַנטאַזיעס, פּאַסירונגען געבויט אויף העלדן פון דער אַלטער יידישער געשיכטע. „גערופן האָבן זיי זיך ספרים חיצונים", זאָגט דר. טשער־נאָוויץ אין זיין תולדות הלכה, „דערפאַר וואָס זייערע מחברים זיינען געזעסן אין דרויסן פון בית המדרש. זיי זיינען ניט געווען געבונדן צו די כתבי הקודש. זיי האָבן אויך ניט אָנגעגעבן די קוואַלן פון זייער מאַטעריאַל, געבאָרגט פון פרעמדע קולטורן". איז טאַקע דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער תנא ר' עקיבא האָט גוזר געווען: „ווער עס לייענט די דאָזיקע ספרים וועט נישט האָבן קיין חלק לעולם הבא". די חכמים האָבן באַטראַכט די סאָרט לערע ווי איינע וואָס קומט פון סעקטן, וואָס שטייען מחוץ דעם יידישן גדר.

אַ ביישפּיל פון געמיט און שטימונג וואָס האָט באַהערשט יענע צייט קען דינען דער ספר „חנוך". ער נעמט אַרום די גאַנצע חכמת ישראל, און איז אַ

געמיש פון וויסן מיט דמיון, חקירה פון איוב, קהלת און תהילים — אַלעס צוזאַמען. עס מערקט זיך די השפעה פון יחזקאל און זכריה, אויך די בילדער זייַנען ענלעך צו די פון דניאל. די היסטאָריקער באַטראַכטן דעם ספר „חנוך" ווי אַ פאָרבילד פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע". עס ווערן דאָרט געשילדערט די פאַלנדע מלאכים וואָס האָבן אויסגעלערנט מענטשן די טעכניק פון באַנוצן זיך מיט כלי זיין, און וואָס האָבן אַנטוויקלט אין זיי די לוסט צו גאָלד. דער יידישער לייענער ווערט נשתומם פון דעם, וואָס גלייך ביים דערמאָנען מלאכים ווערט צוגעגעבן אַז שדים, רוחות זייַנען אַרויסגעקומען דורך דעם שידוך פון די געפאַלענע מלאכים דורך זייער זינד מיט די טעכטער פון דער ערד. פון יענעם זנות איז אויך אַרויס אַ שבט רויבער, און ווען דאָס שלעכטס האָט זיך געמערט, האָבן די גוטע מלאכים פאָרגעבראַכט אַ קלאַגע צום באַשעפער און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ברענגען אַ מבול, און חנוך ווערט געשיקט אָנזאָגן די בשורה צו דער וועלט. ווייטער פאַרנעמט זיך דער מחבר מיט משיח געדאַנקען, מיט תחית המתים און שכר ועונש, צדיקים ווערן באַלוינט און רשעים וועלן געשטראָפט ווערן.

אַן ענלעכן מוסר השכל געפינען מיר אין ספר „טוביה". דער בוך „טוביה" איז אַן אמתער פערל, אַ קונסט ווערק פון אַ דערציילונג. עס איז עכט שפאַנענד, עס שפיגלט אָפּ די טהרת המשפחה ביי יידן, די וואַרימע געפילן פון עלטערן צו קינדער, עס ווערט אויך אַרויסגעבראַכט די פיינע זייטן פון יידישן פאָלק, בנוגע רחמנות, דער מצווה פון צדקה, גמילת חסד, און כבוד המת, אפילו דער רחמנות צו אַ הונט. באַזונדער איז בולט דאָרט דער נאַציאָנאַל פאַטריאָטישער עלעמענט. כאָטש טוביה איז פאַרטריבן ווייט אַוועק פון ארץ ישראל, דאָך איז ער צוגעבונדן צו ירושלים. ער איז עולה רגל אַהין אין די ימים טובים. עס ווערט אויך געשילדערט דאָס לעבן פון די פאַרטריבענע עשרת השבטים אין די הויפּט שטאָט נינוה אין לאַנד פון אשור. דאָרט האָט געוואוינט טוביה, זיין ווייב חנה און זייער זון דער יונגער טוביה, אָפּשטאַמער פון שבט נפתלי. דער אַלטער טוביה דער העלד און הויפּט כאַראַקטער איז געוועזן זייער פרום. ביינאַכט פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין די גאַסן און אַוועקנעמען די מתים, הרוגי מלכות, און זיי באַגראָבן לויטן יידישן דין, כאָטש עס איז געווען קעגן געזעץ דאָס צו טאָן. ווען ער איז געוואָרן בלינד און פאַראָרעמט, באַפעלט ער זיין זון צו פאָרן קיין מודי איינצומאָנען אַ חוב פון זיינעם אַ יוגנט פריינט מיטן נאָמען עריאל. אויפן וועג טרעפט אים דער מלאך רפאל און גיט אים אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן פון עריאלס טאָכטער שרה דעם בייזן גייסט, וואָס האָט גורם געווען דעם פריציטיקן טויט פון אַלע אירע חתנים. דער מלאך גיט אים אויך אַ מיטל ווי אַזוי דער אַלטער טוביה זאָל קענען ווידער זען אויף זיינע אויגן. דער יונגער טוביה האָט אַזוי געטאָן און אַלעס ענדיקט זיך בכי טוב. דער מוסר השכל איז, אַז גאָט פאַרלאָזט קיינעם ניט, ער באַצאָלט גוטס פאַר גוטס, און מען טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג. עס זייַנען דאָ אויך פאַרוויקלט אַנדערע אַספעקטן, אַשטייגער די צוואה פון אַלטן טוביה צו זיין זון — ער זאָל אָפּהיטן דעם כבוד פון דער מוטער און זיין פרוי שרה, אויך זאָלן קיינער פון זיינע קינדער ניט חתונה האָבן מיט קינדער פון אַנדערע פעלקער, און פאַר דעם שכר וועלן זיי דערלעבן זען דעם בית המקדש אַן איבערגעבויטן אין דעם פראַכט פון אַמאָל. ער דערמאָנט אויך אין דער צוואה דעם הונט וואָס האָט געטריי באַגלייט דעם יונגן טוביה אויף זיין לאַנגן וועג קיין מודי און צוריק . . .



טוביה איז פאַרבנדרייך געמאָלן. אפילו די ניסים זייַנען פאַרכאַפּנד בולט און קומען אַרויס רעאַל. באַזונדערס ריין זייַנען די שטריכן וועגן יידישן לעבן פון יענער צייט. דער בוך לערנט דריי זאַכן—די מצווה פון הלוית המת, רחמנות געפיל ביי יידן און דער המשך און קיום פון אייגענעם שטאַם . . .

אַ צווייטע דערציילונג מיט אַ פריילעכן סוף וואָס איז עכט רעליגיעז, אפילו מיסטיש, איז דער ספר „יהודית". אין אים ווערט געשילדערט אַן עפּיזאָד אין דער צייט פון די חשמונאים וואָס איז ענלעך צום ספר אסתר. אויך דאָ איז געשען אַ נס. פון אַ צרה, אַ שרעק, איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פרייד. ווען דער קריגס־פירער האָלאָפאָרנעס באַלאַגערט די שטאָט בוסל, ווערט די לאַגע מוראדיק, אַלע זייַנען פאַרצווייפלט, דערוועקט זיך דער הייליקער פאַטריאָטישער געפיל ביי דער שיינער אלמנה יהודית, און זי פירט דורך די מיסיע פון אַריינכאַפּן זיך אין שונאס לאַגער און מיט מכלומרשטן פלירט פאַרנאַרט זי האָלאָפאָרנעסן, און ווען ער איז אין אַ שיכרות צושטאַנד, האַקט זי אים אָפּ דעם קאָפּ. די שטאָט בוסל איז באַפרייט און עס איז לששון ושמחה.

אינטערעסאַנט איז די ליריק און פאָעזיע אין איר תפילה, „ניט אין צאָל איז אונדזער כח, ניט העלדישקייט איז אונדזער קראַפט, עס איז גאָט! דער וואָס העלפט די געפאַלענע, די אָרימע. ער וואָס באַשיצט די פאַרשטויסענע, און לענט אונטער די שוואַכע . . . גאָטס הייליקייט אין מויל, איז די שאַרפע שווערד אין האַנט . . ." די דאָזיקע רייד איז די סעמאַנטיק פון די חשמונאים עפּאָכע. אין גייסט פון על הניסים מיט די שטאַרקע אמונה אין גאָט איז דער נצחון קעגן שונא אַ זיכערער. יהודית איז אָפּגעהיטן אין יידישקייט, אויפן וועג צום לאַגער נעמט זי מיט אייגענע שפייז און אייגענע כלים. נאָך דעם זיג באַטאָנט זי, אַז זי האָט ניט פאַרקויפט איר ערע — פאַרוואָר ווי גאָט לעבט זאָגט זי: „ער האָט מיך געהיטן אויף מיין געפערלעכן וועג, מיין פּנים האָט דעם שונא פאַרווירט צו זיין פאַרלענדונג". און די געשיכטע ווידערהאָלט זיך, פונקט ווי ביי דבורה און יעל, אַזוי אויך דאָ ווערט דער שונא באַזיגט פון אַ פרוי.

וועגן די אַנדערע ספרים ווי „ספר יובלים", „בן סירא", „די חשמונאים", „יעקבס צוואה" און „חכמת שלמה", אַ צווייטן מאָל.

**א. באַביטש**

## דר. נתן זאַלצמאַן ע"ה

ווען איך האָב אין 1927 באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין לאָס אַנגעלעס, האָט מען מיר אין ניו יאָרק מיטגעגעבן צוויי אַדרעסן. איינער פונם סעקרעטאַר פון באָראָכאָוו ברענטש, דעם איינציקן פאַרבאַנד צווייג דאָ אין לאָס אַנגעלעס און פון דר. חבר זאַלצמאַן, דער פאָרזיצער פון דאַמאָלסדיקן „געווערקשאַפטן קאַמפּיין" (פאַר דער הסתדרות).

זאַלצמאַן האָט זיך דערפרייט מיט מיין קומען, און מיך טאַקע געבעטן מאָרגן קומען צו אַ זיצונג פונם „געווערקשאַפטן קאַמפּיין" קאָמיטעט.

יענע זיצונג איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זיכרון, ווייל זי דינט ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אונדזערע ווייטערדיקע טעטיקייטן אין די שפּעטערע יאָרן. ביי דער זיצונג זייַנען געווען ביי 8 אָדער 10 חברים פון וועלכע איך גע־

דענק זאַכאַר, פינקלשטיין, אהרן שאַפּירא, געצל ווײַנער, ראַזומאָווסקי ע״ה און פיליפּ ריסקין, צו לאַנגע יאָר.

דער מיטינג האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ קבלת פנים פאַר דר. ארלאזאראָוו, וועלכער איז דאַן געקומען דעם ערשטן מאָל קיין אַמעריקע אָנפירן דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, און איז אויך געקומען קיין לאָס אנגעלעס. דר. זאלצמאַן האָט דאַן פאָרגעשלאָגן מען זאָל נעמען אַ זאַל ערגעץ דאַון טאַון, כדי מען זאָל קאָנען דערגרייכן אַ גרעסערן עולם. אייניקע פונם קאָמיטעט זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף די ברייטע אַרבעטער און פאָלקס מענטשן וועלכע געפינען זיך אין „בויל הייטס” געגנט. איך, אַ גרינער אין שטאָט, בין געווען אין דער פראַגע „נייטראַל”, אָבער אין די שפּעטערע יאָרן האָט אָט דער קאַמף אין אונדזערע אייגענע רייען אָנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמען. זאַלצמאַן איז געווען זייער ערנסט און זיין באַגער אַרויסצופירן אונדזער באַוועגונג פון אירע אייגענע דלד אמות און גרייכן ברייטערע שיכטן צווישן די ענגליש־רײדנדע יידן. אַ צאָל אַלטע חברים האָבן אין דעם געזען אַן אָפּנייג פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. דער דאָזיקער אינערלעכער קאַמף האָט געפירט צו דעם, אַז זאַלצמאַן האָט אַ פּאָר יאָר זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון אָפיציעלן אנטייל נעמען אין „קאמפּיין” ביז מען האָט זיך איבערגעבעטן און ווידער אָנגענומען זיין גאַנג אין דער אַרבעט.

די דאָזיקע מחלוקות האָבן אים פאַרשאַפט ניט ווייניק עגמת נפש. אויך דער שרייבער פון די שורות מוז איצט צוגעבן, אַז אַ סך מאָל האָט מען אומזיסט אים וויי געטאָן; צוליב אומקלאָרקייט און צוליב זוכן אַ ריכט־ליניע אין דער אַרבעט.

אָבער אין לויף פון יאָרן, ווען די באַוועגונג האָט זיך צעוואָקסן און עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פּלאַן פון אַרבעט אויף אַ נאַציאָנאַלן מאסשטאַב, איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר קליינשטעטלדיקע פּאָליטיקער, און די גאַנצע אַרבעט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. דאָ האָט מען שוין אויך געקענט האָבן אַביסל נחת און פרייד פון אייגענע דערגרייכונגען. מיטן וואוקס פון הסתדרות „קאַמפּיין” איז אויך געוואָקסן דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין שטאָט.

זאַלצמאַן איז געווען איינער פון די גרינדער פון היגן „קאָמיוניטי קאָנסול” און איז געווען זיין וויס־פּרעזידענט. ער האָט יאָרן לאַנג געדינט אין דער היגער „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג” און איז צוויי טערמינען געווען דער פאָרזיצער פון דער ביוראָ.

זיין איינפלוס אין די דערמאָנטע אינסטאַנצן איז געווען פון גרויסער באַדייטונג. אין די טעג פון ערנסטער געפאַר פאַר ישראל האָט מען זיך אַלעמאָל צוגעהערט צו זיין וואָרט און זיינע מיינונגען האָבן אַלעמאָל געבראַכט אַביסל האָפענונג און זיכערקייט.

אין די 40 יאָר פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ל. א. האָט זאַלצמאַן מיטן גרעסטן ערנסט געטראָגן יעדע אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. אַזוי האָט ער זיך געפירט אין דער פּאַרטיי, אין פאַרבאַנד, אין הסתדרות און אין שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס.

ער איז געווען אַ חסיד פון ציוניזם און סאָציאַליזם, ארץ ישראל און גלות, העברעאיש און יידיש, און אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל פאָלקסטימלעך.



ער איז געווען אַ געטרייער פּאַרטיי־חבר פון ערשטן טאָג אָן ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, דאָס זעלבע אויך אין פאַרבאַנד.

אין די שווערע, אומגינסטיקע אומשטענדן פון זיין אַרבעט, האָט ער געפונען אַ סך פריינט וואָס האָבן געענטפערט אויף זיין רוף בלויז אַלס ערנסטער חבר און וואַרימער מענטש. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב אין די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג.

זיין פּיאָנערישע אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור און דערציאונג, זיין גלויבן אין די אמתן פון פּועלי ציוניזם, זיין בענקשאַפט פאַר יידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דעם אויפבוי פון ארץ ישראל פאַרן יידישן פאָלק, זיין ליבע צו די יידישע און העברעאישע שפּראַכן, זיין גרויסער דרך ארץ פאַר אונדזערע קולטור ווערטן, האָבן פאַר אים געזיכערט אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

צו זיין לויה זיינען געקומען אַרום טויזנט מענטשן. לאָס אנגעלעס האָט אים צוגעטיילט אַ פאַרדינטן כבוד.

דר. זאַלצמאַן האָט נישט זוכה געווען ביים לעבן עולה צו זיין און זיך באַזעצן פּערמאַנענט אין מדינת ישראל, האָט מען זיינען ביינער אַהין געבראַכט; איז דאָס אַ גרויסער זכות.

ער איז געווען אונדזער צאַרטסטער פריינט, אָבער אויך דער שטרענגסטער מאָנער און קעמפער פאַרן אמת. זיין איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר אונדזער באַוועגונג בכלל, באַזונדערס פאַר מדינת ישראל, איז פאַר אונדז אַלעמען שטענדיק געווען אַן אינספּיראַציע. זאָלן זיינע אידעאַליסטישע מעשים פאַר די אַלע יאָרן זיין אַ טרייסט פאַר אַלעמען.

---

## שרייבער קרייז „בוך און לעבן”

דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן” האָט זיינע מסיבות צוויי מאָל אַ חודש. די שרייבער לייענען פון זייערע נייסטע שאַפונגען. נאָכן לייענען ווערן געמאַכט באַמערקונגען און דיסקוסיעס איבער דעם געלייענטן ווערק. אַ צאָל סימפּאָזיומס פאַר אַ גרעסערן עולם ווערן אויך דורכגעפירט אין משך פון זמן.

מכוח ענינים פון שרייבער קרייז און אויך מכוח די באַנייאונג פון אייער אַבאָנעמענט פאַר דעם „חשבון”, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

יעקב זינגער

1142½ NO. GOWER ST., HOLLYWOOD, CALIF.

---

## לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

יעדן שבת־צונאַכט — יידיש ליטעראַרישע אָוונטן, מוזיקאַלישע קאָנצערטן, געדענק־אָוונטן פון יידישע שרייבער און קינסטלער, און יום־טובים פייערונגען.

יעדן מאָנטיק אָוונט — איינלייטונגען איבער יידיש קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען.

אַ צירקולירנדיקע ביבליאָטעק מיט די נייסטע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען.

מ. ל. קאַפּעלאָוו, סעקרעטאַר

4213 MONROE ST., LOS ANGELES, CALIF.

# ליטעראַטור און קולטור כראָניק

**דער 30 יאָריקער יובל פון ל. א. יידישער קולטור קלוב**

וואָס איז געפייערט געוואָרן דעם 6טן אָקט., 1956, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט הן מיט דעם גוטן באַזוך הן מיט דער פּראָגראַם. דער פּאָרזיצער, חבר י. פרידלאַנד, האָט אין אַ לענגערן אַריינפיר באַקענט דעם עולם מיט די צילן און אויפגאַבן פון קלוב. ער האָט אויך אונטערשטראָכן, אַז „ניט געקוקט אויף די האַרבע נסיונות און מכשילים וואָס דער קלוב האָט אָפט באַגעגנט אויף זיין וועג, אין משך פון זיין 30־יאָריקער עקסיסטענץ, האָט ער דאָך באַוויזן צו בלייבן געאייניקט און געשטאַרקט, הן אין איכות הן אין כמות. דער קולטור קלוב איז איינער פון די אָאַזיסן אין דעם מדבר פון דער אַלץ פאַרכאַפּנדיקער אַסימילאַציע. און, אין זין פון זיין גאַנצן מהות טעטיקייט און איינשטעל, איז ער אַ חד במינו אין דער יידישער אַמעריקע".

אין דעם קינסטלערישן טייל פון אָוונט איז אויפגעטראָטן: דער באַוואוסטער טשעליסט גדאַל זאַלעסקי; דער באַרימטער בעל מנגן, אַלען מייקלסאָן; דער וואָרט־קינסטלער יעקב ניומאַן; און דער באַקאַנטער קולטור עסקן שלמה האָכבערג מיט אַ באַגריסונג. „חשבון" איז פאַרטיילט געוואָרן ביי דעם אָוונט צו די אבאָנענטן און מיטגלידער פון קולטור קלוב.

---

**„חשבון" אָוונט לכבוד זיין דערשיינונג**

די אַרויסגעבער פון זשורנאַל — דער קולטור קלוב און דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן" — האָבן אויפגענומען דעם 8טן נומער ביי אַ ספּעציעלן אָוונט. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: עמוס הירשביין, פּיאַנאָ קאָנצערט; ד"ר חיים ראָטבלאַט האָט רעפערירט איבער דעם יידיש העברעאישן שריפטשטעלער חיים ברענער ע"ה; אסתר שומיאַטשער און נח גאָלדבערג האָבן געלייענט פון זייערע זאַכן, וואָס גייען אַריין אין זייערע נייע ביכער וואָס זיינען איצט אין דרוק; ד"ר דוד ברידזשער האָט געגעבן אַ רעצענזיע איבער דעם לעצטן נומער 8 „חשבון"; י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר, האָט בעיקר אונטערשטראָכן אויף דעם חוב פון די יידיש־יידן אין ל. א. צו שטיצן דעם איינציק יידיש ליטעראַרישן זשורנאַל ביים פּאַסיפיק; און וו. נאַטאַנסאָן האָט באַגריסט: „די אויסגאַבע פון זשורנאַל „חשבון" — האָט ער צוגעגעבן — איז אַ ביז גאָר וויכטיקער קולטור שעפערישער ביישטייער צו אונזער ישוב און סביבה".

---

## נייע דערשינענע ביכער אין ל. א.

**ש. מיללער'ס** בוך דערציילונגען א.ט. „נעכטן" איז דערשינען נאָוו. 1956. 384 ז"ז. אַרויסגעגעבן פון ש. מיללער בוך קאָמיטעט.

**אסתר שומיאַטשער־הירשביין:** אַ בוך געקליבענע לידער, אַרויסגעגעבן פון אסתר שומיאַטשער בוך קאָמיטעט. אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער; אניטא פריינדליך, סעקר. 200 ז"ז.

**„חשבון":** פּעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען. 8טער נומער, אָקטאָבער 1956. אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישער קולטור קלוב און שרייבער קרייז „בוך און לעבן". טעקסט 96 ז"ז. רעדאַקטאָר, י. פרידלאַנד.



# חשובע געסט אין לאָס אַנגעלעס

**יודל מאַרק:** באַוואוסטער לינגוויסט, רעדאַקטאָר פון „יידישע שפּראַך", האָט געוויילט דאָ אַ פּאָר וואָכן אין חודש אָקטאָבער פ"י, אין די אינטערעסן פון „גרויסער יידישער ווערטער בוך". איז אויפגעטראָטן אין קולטור קלוב מיט אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „ווערטער ווי יידישע ווערטן".

**נח נאַכבוש:** באַקאַנטער שוישפּילער פון די „ווילנער" האָט געוויילט דאָ אין די חדשים סעפּטעמבער און אָקטאָבער און איז אויפגעטראָטן אין קולטור קלוב אין אַ וואָרט קאָנצערט.

**יצחק בלום:** באַקאַנטער דיכטער, געפינט זיך איצט אין ל. א. איז געקומען אין די אינטערעסן פון זיין ניי דערשינענעם בוך.

**נח שטיינבערג:** באַקאַנטער דיכטער און ליטעראַטור קריטיקער, איז געוואָרן אַ תושב אין ל. א. איז אויפגעטראָטן אין קולטור קלוב, מיט אַ רעפעראַט איבער ש. פרוג.

**י. י. שוואַרץ:** באַרימטער דיכטער, האָט דאָ געוויילט דעם חודש דעצ. פ"י און איז אויפגעטראָטן אין קולטור קלוב מיט אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „דער גאַנג פון דער יידישער מאָדערנער פּאָעזיע אין אַמעריקע".

**65 קינדער מיט 5 לערער** פון דער יידישער שול אין מעקסיקא זיינען געווען די געסט פון דער ל. א. מיטלשול, פון 19טן דעצ. ביז יאַנואַר דעם 5טן. אַן אָפיציעלער קבלת פּנים איז פאָרגעקומען שבת, 22טן דעצ., אין עבעל טעאַטער, וואו זיי זיינען אויפגעטראָטן מיט אַ שול פּראָגראַם. זיי האָבן אויך געמאַכט אַן עקסקורסיע איבער די וויכטיקסטע קולטור אנשטאַלטן אין ל. א.

---

## אַ פּאַרדריסלעכער פאַרזען

דער זייער חשובער סקולפּטאָר־קינסטלער פון האָלץ־שניץ, בערל סאַטט, האָט אונדז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דער ביבליאָגראַפיע פון ה. רויזענבלאַט ע"ה האָט דער שרייבער „יצחקי" אין לעצטן נומער „חשבון" פאַרפעלט צו דערמאָנען אַ זייער וויכטיקע עסיי פון ה. רויזענבלאַט: „זינגעוודיק האָלץ", וואָס איז געווען געדרוקט אין ערשטן נומער „חשבון".

זאָל דאָ, בכן, צוגעגעבן ווערן צו ה. רויזענבלאַטס ביבליאָגראַפיע, אַז די פּרעכטיקע עסיי „זינגעוודיק האָלץ" האָט ער געשריבן צו דער געלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון בערל סאַטט'ס קונסט אלבאָם א.ט. „שטעטל", אין וועלכן עס זיינען אַריין דרייסיק פון זיינע האָלץ־שניצן. זיינע געשטאַלטן זיינען פאַר אונדז ווי אַ הייליקער אָנדענק פון יידישן „שטעטל" און יידיש שטייגער לעבן וואָס איז שוין, צום באַדויערן, נישטאָ מער. די זעלביקע אָפּשאַצונג רויזענבלאַטס איז, אגב, געוואָרן איבערגעזעצט אין ענגליש פון דוד וויסמאַן, רעדאַקטאָר פון „בני ברית מעסענדזשער" אין לאָס אַנגעלעס.

---

ווערט אַ בויער און אַן אבאָנענט פאַר דעם „חשבון".

## די יידישע מיטלשול אין לאָס אַנגעלעס

האָט צום יערלעכן דערעפענונגס יום־טוב, שבת אָוו., דעם 13טן אָקט., 1956, געהאַט אַ זייער חשובן גאַסט פון נ. י., דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער און פעדאַגאָג יודל מאַרק. ס׳קומט דער מיטלשול פאַרוואַלטונג אַ יישר כוח, פאַר דערמעגלעכן יודל מאַרקן אַראָפּקומען צו אונדז פון דעם ווייטן ניו יאָרק. פאַר דעם יידיש וועלטלעכן סעקטאָר איז מאַרקס קורצער וויזיט, ביי אונדז, געווען טעג פון כולו יום־טוב.

יודל מאַרק איז בעיקר געקומען צו אונדז מיט אַ זייער וויכטיקער שליחות, נעמלעך: לטובת דעם גרויסן „ווערטער בוך פון דער יידישער שפּראַך". מיט פרייד קענען מיר פאַרצייכענען, אַז זיין שליחות האָט ער דורכגעפירט בשלימות. זיינע לעקציעס האָבן געצויגן אַ באַדייטנדיקן עולם און דער אָפּרוף פון די קולטור אָרג. און פון די מסיבות אין די פריוואַטע היימען, האָבן באַדייטנדיק בייגעטראָגן צום דערפאָלג פון אָט דער וויכטיקער אַקציע.

---

## יעקב גלאַדשטיין אַ בן-שישים

אונדזער וואַרעמסטן גרוס צום באַרימטן דיכטער, פובליציסט און ליטע־ראַטור קריטיקער, יעקב גלאַדשטיין, צו זיין זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג. „חשבון" ווינטשט אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן. דער ל. א. יידישער קולטור קלוב אָרדנט איין אַ פאַסיקן ליטעראַטור אָוונט לכבוד דעם חשובן בעל־היובל, אויף שבת אָוונט דעם 19טן יאַנואַר.

---

## אַ וואַרעמען גרוס צום „לעבעדיקן"

„חשבון" שיקט איבער אַ האַרציקן גרוס צו אונדזער באַליבטן שריפט־שטעלער, הומאָריסט און קריטיקער, דעם „לעבעדיקן", וועלכע, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, „האָט זיך לעצטנס באַנאַרישט און אַוועקגעלייגט זיך אין שפּיטאָל". צו אונדזער אַלעמענס פרייד איז ער שוין ב״ה געזונט און „יאַרידעוועט" ווידער.

דעם „לעבעדיקן" קומט באמת אַ יישר כוח פאַר זיין וואַכזאַם אויג איבער אונדזער ליטעראַרישער באַלעבאַטישקייט. ער איז איצט, באמת דער איינ־ציקער וואָס פאַרזעט נישט די יידיש ליטעראַרישע זשורנאַלן און זאָגט, פון צייט צו צייט, זיין טרעפלעך צמצומדיק וואָרט פון קריטיק. מיר ווינטשן אים אַ סך געזונט און אריכות ימים.

---

## צוריק פון אַ טורנע

אונדזער חשובע דיכטערין מלכה טוזמאַן, איז בשלום צוריקגעקומען פון אַ טורנע, וואָס זי האָט געמאַכט איבער עטלעכע שטעט אין אמעריקע. אויף דער איינלאַדונג פון שיקאַגאָ, דעטראָיט, גרענד רעפידס, פילאַדעלפיע און סי־ראַקיוז, האָט די דיכטערין געהאַלטן דאָרטן אַ צאָל לעקציעס איבער דער יידי־שער ליטעראַטור און זי איז אויפגענומען געוואָרן בסבר פנים יפות. די דער־מאָנטע שטעט האָבן באמת געמאַכט אַ גוטע התחלה, פון איינלאַדן געסט שריפט־שטעלער און דיכטער אויך פון גרעסערע פּראָווינץ שטעט, און נישט דווקא און נאָר פון ניו יאָרק.

# עטלעכע אויסצוגע פון אָפּרופן אויף דעם נומער 8 „חשבון"
# פון שרייבער און דיכטער

**י. אדלער** (מיאַמי, פלאָרידע): „באַקומען דעם העפט אַכט. זייער אַ געראָ־טענער! כ'ווינטש אייך אַ סך מזל ברכה! זאָל אונדזער יידיש לשון בליען זוי עס בליען אייערע וואונדערלעכע פּירות.

**ל. פיינבערג** (ניו יאָרק): „דער נייער נומער אַכט „חשבון" מאַכט גאָר אַ פיינעם איינדרוק. עס הויבט אָן אויסצוזען מער ווי אַ פּעריאָדישער זשורנאַל, איידער אַ צופעליקע דערשיינונג.

**ד"ר אבראַם אייפּען** (ניו יאָרק): „אַ טויזנט דאַנקען אייך פאַר אין זינען האָבן מיר ממרחקים . . . און צושיקן מיר דעם נייעם, ביז גאָר אינטערעסאַנטן, נומער „חשבון"."

**יעקב וויינשטאַק** (ל. א.): „איך האַלט עס פאַר מיין חוב אייך פּערזענלעך, חבר פרידלאַנד, גראַטולירן פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן וואָס דער נומער 8 „חשבון" האָט מיר געבראַכט. כ'בין ממש ענטציקט מיט דער קוואַליטעט פון די שרייבער און פּאָעטן, און ניט ווייניקער מיט דעם צוזאַמענשטעל פונם זשורנאַל".

**מ. פּערלמוטער** (ניו יאָרק): „כ'מעג זאָגן, אַז מיטן „חשבון" גייט עס פון גוט צו בעסער. אָנגעפּיקעוועט מיט כל טוב, און ס'איז דאָ פון וואָס אויסצוקלייבן".

**יצחק פּערלאָוו** (תל אביב): „דערהאַלטן אייער אַכטן נומער „חשבון", אויך פריערדיקע צוויי.. אַ האַרציקן דאַנק. עס איז אַ געשמאַקער זשורנאַל, שמעקט מיט ליבשאַפט פון יעדן זייטל, מיט אהבת יידיש, אהבת יום־טוב — און אהבת שיינקייט. עס איז אַ חשבון וואָס קאָליפ. יידן דאַרפן דעקן, אויב זיי זיינען נישט קיין קולטור באַנקראָטניקעס און קיין נאַציאָנאַלע אָנזעצערס".

איר, די בויער פון זשורנאַל ווערט נישט מיד! שאַפט און בויט און זייט זוכה, אַז „חשבון" וואָס דערשיינט אין ווייטן זוניקן ל. א. זאָל ווערן אַ הויפּט־שייער פאַר דער שפע פון דער יידישער ליטעראַטור.

---

## וואָס טוט איר פאַר דעם „חשבון"?

ס'איז דער חוב פון דעם יידיש־יידישן סעקטאָר אין ל. א. צו שטיצן דעם איינציק יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל ביים פּאַסיפיק.

פילט איר נישט דעם בזיון, אַז אַזאַ גרויסער ישוב ווי ל. א. זאָל נישט האָבן כאָטש איין יידיש־פּעריאָדישע שריפט?

## בויער פון „חשבון"

דבורה און שמחה אייבראמסאָן
באַראָכאָוו צווייג פון פאַרבאַנד
י. ניומאַן, סעק.
ברענטש 605 ארב. רינג
ר. ראזענשטיין, סעק.
ז. בונין
א. באביטש
פינטשע בערמאַן
נח גאָלדבערג
יוסף גאָלדבערג
חבר און חברה ה. גיסען
ש. געלטנער, מישיגן
ברידשוואטער, מאסס.
חיים גרינבערג לייען קרייז
ס. דובין, סעק.
חבר און חברה י. גרינשפאן
מאטעס דייטש
דאָלניק לייען קרייז, פ. סימקין, סעק.
דר. נ. דאָנמאַן, ניו־יאָרק
חבר און חברה מאקס האָלצמאַן
הירשביין קולטור קרייז
סאָניא לאָק, סעק.
הירשביין פאַרבאַנד צווייג
ד. באָיארסקי, סעק.

יעקב זינגער
יהואש לייען קרייז
קלארא סילבער, סעק.
חבר און חברה מעראן
וו. נאַטאַנזאָן
חבר און חברה פיליפ סייקין
חבר פאול, פילאַדעלפיע
חבר און חברה נ. פינקלשטיין
סעם און ציליע צוקערמאַן
חבר און חברה קודלי־ריסקין
חבר און חברה פּ. ראַפּאַפּאָרט
רויזענבלאַט לייען קרייז
ג. סארטא, סעק.
רינגלבלום לייען קרייז
חברה אָדערבערג, סעק.
שלום עליכם פאַרבאַנד צווייג
יצחק לעווין, סעק.
חבר און חברה וויליאם שאָר

RUDIN'S UPHOLSTERED
FURNITURE
1369 W. Washington Blvd.
Los Angeles 7, Calif.

---

# אַ ליטעראַרישער אָוונט

לכבוד דער דערשיינונג פון דעם ניינטן נומער

„חשבון"

איינגעאָרדנט פון

ל. א. יידישן קולטור קלוב און
שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

שבת דעם 12טן יאַנואַר

אין זאַל פון קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס